# שבת בלעטל

מיטוואך, אקטאבער 12, 2011 – ערב יום-טוב סוכות, תשע״ב ~ נומ. 8

ליטעראטור / א מעשה פאר יום-טוב:

פון: מנחם מרגלית

## דער ציקלאן

געשטאנען זענען זיי אין די זאמדיגע וועגן, און ניטאמאל פרובירט אפצושלאגן די געדיכטע שטויב וואס האט געדראעט צו פארוויסן זייערע שוין-אזוי-אויך פארשטויבטע בגדים. די העפטיגע טענער האבן זיך נישט אפגעשטעלט פאר די ווינטן וועלכע האבן געבלאזן אין פנים אריין, און אפילו נישט פאר דעם דערשטיקנדן בהמה-גערוך פונעם נארוואס פארענדיגטן יאריד צווי גאסן אוועק. וויפיל עס האט זיי געקימערט איז געווען אז דער וועטער איז געווען שיין, כמעט א גענצליך קלארער הימל – חוץ די געדיכטע וואלקנס וועלכע האבן זיך אנגעזעצן ווייט ביים מערב-האריזאנט.

בייגייער האבן זיך ניטאמאל אפגעשטעלט – עס איז ביי זיי שוין געווען א געוואוינהייט צו זען זאנוויל און משה-לייב זיך טענה׳ן אין די גאסן אויף די העכסטע טענער. אפילו די געראוישן פון די דערנעבנדע לאדנס וועלכע האבן זיך ווי אין א כאר צוזאמען אראפגעלאזט זענען דערשטיקט געווארן אין די געשרייען פון דעם פּאָר, הויפטזעכליך משה-לייב׳ס באסאווע שטימע. פונקט ווי די דורכגייער האבן זיי געוועגליך נישט געגעבן קיין עקסטערן בליק, אזוי האבן זיי אויך נישט באמערקט די דורכגייער. ווען יאנקל סטאליער איז נארוואס דורכגעגאנגען, און האט זיי כמעט אין אויער אריינגעשריגן אז מ׳שטעלט זיך שוין מנחה, האבן זיי אים בכלל נישט געהערט. יאנקל האט דאן זיך אוועקגעדרייט מיט א ביטול-שמייכל און האט אין א היסטארישער מאמענט באשאפן די פראזע, ״איך רעד צו דער וואנט!״

אבער קיין וואנט זענען זיי נישט געווען, זאנוויל און משה-לייב. ווען משה לייב האט איינגענומען דעם ברעטל, און האט דעם ערשטן טאג ראש-השנה אויסגעשריגן ״המלך!״ האבן די ווענט געציטערט. זיין דאווענען איז געווען א שם-דבר, און אפילו די שטעטלישע מיידלעך האבן זיך צוגעשארט צו די פענסטער פון דער שול צו הערן זיין דאווענען, און צומאל זיך אפילו געווישט א טרער. אפנים זיי האבן פארשטאנען די אידישע תפילות...

אין שטעטל האט מען זיך אפילו געשישקעט אז משה-לייב האט באקומען שימוש פון דעם שטאטישן חזן אליין; געוויסע האבן אפילו געוואוסט צוצולייגן אז משה-לייב פארט נאך איין מאל אין עטליכע יאר אין שטאט אריין פאר אן אוידיענץ מיט׳ן גרויסן חזן. אבער משה-לייב האט עס קיינמאל נישט באשטעטיגט; ער האט זיך באגניגנט מיט א מיסטעריעזן שמייכל וואס ער האט באשאפן יש-מאין, און האט שפעטער, ווען קיינער האט נישט געזען, זיך אונטערגעלאכט ווי גרינג עס איז צו בויען א לעגענדע.

זאנוויל איז אויך נישט געווען קיין מפיל-קינד. אפילו ער איז געווען קוים דרייסיג יאר אלט איז ער געווען געשעצט ביי רוב איינוואוינער. יא, ס׳זענען געווען די-א וועלכע האבן געגליכן אים א טשעפע צו טון, און האבן אים אפילו צומאל בארעדט הינטערן רוקן, אבער זאנוויל איז געבליבן זאנוויל – פונקט ווי ער האט געוואוסט די נייעס פון דער גאנצער לאנד, האט ער אויך שנעל געוואוסט ווער עס האט אים אנגערעדט א לשון-הרע. מידות האט ער געהאט, און חלילה קיינמאל נישט עפעס נקמה גענומען – בלויז יענעם אפיר געהאלטן און מוסר געזאגט, און פרובירט אויפצוקלערן אז עס דינט קיינעמ׳ס אינטערעסן צו בארעדן איינער דעם צווייטן.

חוץ אויב ס׳איז געווען ר׳ שלום... עס איז געווען גאנץ אפט ווען זאנוויל האט געהערט אז ר׳ שלום האט אים מיט עפעס בארעדט, ער האט געזאגט פאר דעם און פאר יענעם אז זאנוויל איז א רשע, א כפוי טובה, אפשר גאר אן אפיקורס. ווען זאנוויל האט דאס געהערט איז אים דאס בלוט ארויף אין פנים, ער האט געשוואוירן נקמה, ער האט פארשפראכן אז ער וועט נישט צולאזן אז זיין בלוט זאל אזוי מיאוס געטרינקען ווערן. און ער פלעגט דאס מקיים זיין.

ר׳ שלום איז געווען זאנוויל׳ס טאטע.

קיינער ווייסט נישט ווען די עפנטליכע רייבערייען האבן זיך אנגעפאנגען. אויב זאלן מיר גלייבן ר׳ שלומ׳ס ווערסיע, איז זאנוויל נאך פון קליינווייז אָן געווען אַן אומדערטרעגליכער עזות-מצח (ר׳ שלום פלעגט נישט זאגן ״עזות-פנים״), און פלעגט קיינמאל נישט האבן אן אינטערעסע אין לערנען גמרא. ער פלעגט זיך מתחצף זיין צום רבי׳ן אין חדר, און פלעגט אנדרייען אנדערע קינדער אז זיי זאלן אויך נישט לערנען. אפילו ווען זאנוויל איז שוין אונטערגעוואקסן, פלעגט ר׳ שלום זאגן, האט ער ווייטער אנגעהאלטן זיין חוצפה׳דיגע אויפפירונג. ״ער בארעדט מיר כסדר, פאר׳מסר׳ט מיר פאר די באהערדע, און דרייט אפילו אן די מאמע קעגן מיר,״ האט ר׳ שלום זיך באקלאגט מיט א קרעכץ. ״פון וואנעט נעמט זיך אזא שנאה פון א קינד צו א טאטן?״ האט ער אויסגעפירט ווישנדיג א טרערל וואס האט זיך

המשך אויף זייט 2

מחשבה / אויטאנאמיע פון רעליגיע:

פון: חצי-עבד

## איבער עמלק

די פראגע פון ״עמלק״ שטערט א סך, הלמאי די תורה פארלאנגט צו ערמארדן דעם גאנצן פאלק עמלק – אן קיין אונטערשיד צווישן מענער, פרויען און קינדער. מיט וואס זענען מיר אנדערש, פרעגן מאנכע, פון די מערדערישע אל-קאידאניקעס, אדער אנדערע טעראריסטישע גרופעס?

עס פארשטייט יעדער אז אין פראקטיק איז אוודאי פאראן א חילוק – למעשה הרג׳ענען מיר נישט קיין מענטשן און זיי יא. אבער דער פאקט אז מיר געהערן צו א רעליגיע וואס נעמט אריין אזא סארט חיוב, אפילו בלויז אין טעאריע, איז גענוג אויפצושוידערן דאס געוויסן.

המשך אויף זייט 7

ארויסגעגליטשט ספק בשוגג ספק במזיד.

זאנוויל האט געהאט גאר עפעס אנדערש צו דערציילן. דער טאטע פלעגט אים תמיד שלאגן און פייניגן, זאגט ער. נאך אלץ גאר א קליין קינד פלעגט דער טאטע אים דערנידערן און מבזה זיין ברבים. דער טאטע פלעגט אפילו אויפרייצן די מאמע קעגן אים, און האט אים צומאל באשטראפט מיט בריען און קלעמען.

ווען ער איז שוין געווארן א גרעסער קינד, האט אים דער טאטע יעדן טאג געוועקט פרי פארטאגס, נאר איידער די הינער האבן געקרייט, און געטראגן צו דעם מלמד. זאנוויל האט דערציילט פאר ווער עס האט נאר געוואלט הערן אז ער האט זיך כסדר פרובירט ארויסצורייסן פון דעם טאטנ׳ס ברייטע הענט, אבער אן ערפאלג. זאנוויל האט געזאגט אז ער האט בכלל נישט געהאט קיין חשק צום לערנען, און האט געוואלט זיך באשעפטיגן מיט פעלד-ווירטשאפט אדער סתם ארבעט פונקט ווי רוב פון זיינע חברים. אבער אפילו שוסטעריי האט גערעדט צו זיין נשמה, זאגאר דאס לעדער-גערוך פון יאשע׳ס געשעפט האט אים אריינגעברענגט אין א טראנס, האט דער טאטע נישט מסכים געווען אז ער זאל אפילו רעדן מיט יאשען. דער טאטע פלעגט זאגן, ״איך האב פארשפראכן פאר׳ן זיידן ע״ה אז דאס קינד וואס וועט טראגן זיין נאמען וועט אויסוואקסן א גרויסער תלמיד-חכם. זאנוויל – דו וועסט קיין שוסטער נישט זיין!״

יעצט זענען זיי געשטאנען דארט, זאנוויל מיט משה-לייב, אויף א שמאלן געסל, א צוויי גאסן אוועק פון מארק, און זיך געאמפערט איבער דברים של מה בכך. ״אה, וואספארא שווארץ יאר רעדסטו דא צוזאם, זאנוויל. מיין טאפ נעמט אריין גאנצע צען ליטער!״ האט משה-לייב געשריגן, אנכאפנדיג זיין דאשיק מיט ביידע הענט אז די ווינטן זאלן עס נישט אראפרייסן פון קאפ. זאנוויל האט טאקע גערעדט מיט א שטילערן טאן, אבער ער האט זיך געהאלטן ביי זיינס. ״עס איז קלאר ווייניגער ווי צען ליטער; כ׳האב עס בודק געווען מיט מיין וואג,״ האט ער געזאגט בעת דער ווינט האט ברייט צעעפנט זיין רעקל, און זיין פארלאטעטע וועסטל האט זיך ארויסגעזען.

דער ווינט האט געשמיסן אין פנים, און זאנוויל האט א בליק געטון אויפ׳ן הימל באמערקנדיג אז די וואלקנס וועלכע זענען פריער געזעסן ביים האריזאנט כמעט ווי פאראליזירט האבן פלוצלינג איינגענומען דעם גאנצן ברייט. געדוכטע שווארצע וואלקנס האבן באדעקט רוב הימל, און מיטאמאל האט א מאכטפולער ווינט אראפגעריסן משה-לייב׳ס דאשיק פון קאפ און פארטראגן ווייט ווייט.

זאנוויל איז געווארן פארטראכט. מיט זיין רעקל פלאטערנדיג הויך פון הינטן האט ער ארויפגעבויגן זיין קאפ, און פאכמאניש באטראכט דעם הימל. ער האט נאך באוויזן צו כאפן א בליק ביי דעם גרעניץ צווישן כמארע און הימל וואס האט שוין געהאלטן טיף ביים מזרח ממש פאר׳ן גענצליך איבערדעקן אלעס פון אונטן. זאנוויל׳ס פנים איז ווייס געווארן; הענט און פיס האבן זיך געווארפן ווען ער האט אויסגעשריגן צו משה-לייב, ״לאמיר אהיים לויפן! ס׳איז א ציקלאן!״

משה-לייב האט געוואוסט אז ער קען גלויבן זאנוויל; זאנוויל האט געוואוסט איבער חכמות העולם. זאנוויל האט אפילו געוואוסט צו דערציילן איבער א לעצטיגן דייטשער חכם, סאמועל האנעמאן, וועמענס רפואות ער האט באוויזן צו ברענגען אין שטעטל, און אידן האבן זיך וואונדערליך געהיילט פון קרענק. אלזא, אז זאנוויל זאגט אז ס׳איז א ציקלאן, נעמט מען נישט קיין שאנסן. צוזאמען האבן זיי זיך גענומען לויפן בשעת די ווינטן האבן פארשטארקערט זייער קראפט. ביימער האט זיך געוויגט, איבערגעבויגן, און אראפגעווארפן פון זיך האלב-פארטריקנטע בלעטער.

״איין מינוט!״ האט משה-לייב פלוצלינג אויסגעשריגן. ״ווי קענען מיר לויפן ווייטער, זאנוויל? מיר דארפן גיין ווארענען חאצקל! ס׳איז דאך א שרעקליכע סכנה פאר אים.״

״אוי, גערעכט,״ האט זאנוויל געזאגט. ״לאמיר לויפן איידער עס איז צו שפעט.״

*

ביי חאצקל איז עס געשען פון איין טאג צו דער צווייטער. ער איז אייביג געווען א יוצא-דופן, געגלייבט אין פארשידענע מיסטישע כוחות, און כסדר אויפגעברענגט פארשידענע וועלט-קאנספיראציעס. ער איז אבער געווען אחד מן החבורה. משה-לייב פלעגט מיט אים פיל פארברענגען און האבן צוזאמען געהאט פארשידענע געמיינזאמע אינטערעסן. אבער דאן האט עס פאסירט. חאצקל האט אויפגעהערט שמועסן – ער איז אנטלאפן פון קופקעס ווי פון פייער. ער האט אנגעהויבן יעדן טאג גיין אין טייך פאר א טבילה, און אויסגעזאגט גאנץ תהילים פאר׳ן דאווענען. אפילו די שטעטלישע פויערקעס האבן אים נישט דערקענט. ווען ער איז געקומען צו זיי פארקויפן זיינע מאכערייקעס האט ער קוים צו זיי אווארט ארויסגערעדט. אפילו ווען ער האט זיי שוין יא געפרעגט וואס זיי מאכן און ווי די קינדער פילן, איז עס אויך געווען קוים א מורמל אונטער דער נאז. זיי האבן געשפעט אז ער פירט זיך שוין כמעט ווי א נזיר אין קירכע.

אבער פארגאנגענעם סוכות איז געווען ממש דער קלימאקס. חאצקל האט דערקלערט אז ער זעט די אושפיזין! די ערשטע נאכט פון סוכות האט ער ממש ארומגעהאלזט אברהמ׳ן אין זיין סוכה בשעת די ארומיגע פאמיליע-מיטגלידער האבן צוגעקוקט מיט בייזוואונדער ווי ער איז צעקאכט ממש ווי אין עראטישער עקסטאזע ארומנעמענדיג א גרויסן קלאץ. די פאלגנדע נעכט האט זיך דאס זעלבע איבערגעשפילט; חאצקל האט געשמועסט מיט די אושפיזין, פארברענגט, זיי מכבד געווען מיט ניגונים לכבוד יום-טוב, ער האט אפילו גע׳פועל׳ט ביי דוד׳ן אז אויף פסח זאל ער שוין ברענגען משיח׳ן.

ווען עס איז אנגעקומען אסרו-חג, און קריינטשע האט געמיינט אז איר מאנ׳ס סוכות משוגעת וועט זיך אפטון, איז זי גאר געוואויר געווארן אז דאס איז נאר געווען דער אנהייב. חאצקל האט קאטאגאריש פארלאנגט אז ער וויל ווייטער סערווירט ווערן דוקא אין דער סוכה. ״די סוכה איז הייליג,״ האט ער דערקלערט פארגלייזנדיג די אויגן אויף ארויף. ״איך וויל דא ווייטער לעבן צוזאמען מיט די הייליגע אושפיזין.״

עס האט נישט געהאלפן קיין פודנו ומצילנו, קריינטשע׳ס תחנונים זענען געפאלן אויף טויבע אויערן. ״די סוכה איז הייליג,״ האט ער ווייטער איבערגע׳חזר׳ט מיט אן אויסערוועלטליכער שטימע, ״איך גיי נישט פון דא ארויס.״ צוביסלעך האט דאס גאנצע שטעטל אנגעהויבן רעדן פון חאצקל׳ס עקשנות – ווער האט שוין אמאל אזוינס געהערט, א מענטש וויל נישט ארויס פון דער סוכה אפילו נאך סוכות?

יעצט ווען זאנוויל האט אנגע׳מבינ׳ט דעם וועטער אלץ א ציקלאן, האט זיך משה-לייב דערמאנט אין חאצקלען. ״קוים וואס מ׳קען אויסרעכנען וואס דער ווינט וועט טון צו אונזערע הייזקעס,״ האט ער געזאגט פאר זאנוויל סאפענדיג אין געלויף צו חאצקל׳ס הויז, ״זיכער איז א שרעקליכע סכנה זיך צו געפינען אין א סוכה אין אזא וועטער. דער ווינט קען דאך חלילה אומווארפן די סוכה, און אומברענגען חאצקלען, זאל גאט באהיטן.״

ווען זיי האבן דערגרייכט חאצקל׳ס הויז האט שוין דער ווינט געבושעוועט און

געוואויעט מיט קראפט. מעטאלענע קלאנגען האבן זיך געהערט פון די מילך-קאנעס וועלכע זענען געפלויגן אדער צעדרוקט געווארן פון אומגעפאלענע ביימער, און אן קיין ווארנונג האבן די וואלקנס זיך גענומען גיסן אמפערס רעגן – וואסער האט געשטראמט און מיט אייפער געהאקט אויף די בלעכענע דעכער און ביז רגעים פארמירט טייכן אין די גאסן, שלעפנדיג ברעטער, צווייגן, שויבן, כלים און אפילו קרייענדע הינער.

"חאצקל!" האט משה-לייב געשריגן מיט זיין באסאווער שטימע צו דער סוכה וואס האט זיך געוואקלט אין דער ווינט. "ח-א-צ-ק-ל!" האט ער ווידעראמאל געהויבן זיין קול ווען ער האט נישט געהערט קיין אנטווארט. זאנוויל האט צוגעהאלפן,ביידע האבן כמעט אויסגעשפיגן זייערע לונגען פרובירנדיג איבערצושרייען די קולות פון חורבנות וואס דער שטורם האט אנגעזייט אויף דער ערד, און דעם אויסטערלישן רעש פון די נאכאנאנדע הימלישע דונערן.

"יא," האט זיך פלוצלינג געהערט א שוואכער און דערשראקענער קול ארויסקומען פון דער סוכה. "וואס איז? ווער איז דאס?"

"חאצקל, דו מוזט שוין, אבער שוין, ארויס פון דער סוכה! גיי אריין אין דיין הויז. ס'איז א שרעקליכע סכנה. א ציקלאן איז אנגעקומען דא, און ס'קען חלילה אומווארפן די סוכה." משה-לייב האט געשפיגן וואסער ווען ער האט געענדיגט זיין דרשה. זיין גאנצער קערפער איז געווען דורכגעווייקט, קוים וואס ער האט געקענט זען אפילו א מעטער פאראויס צוליב די רעגנוואסער וואס האט זיך געגאסן אויף זיין פנים. "אבער די סוכה איז הייליג," האט זיך געהערט חאצקל'ס קול ארויסקומען פון דער סוכה. "ה-י-י-ל-י-ג!"

זאנוויל האט שוין געוואלט אהיימגיין. "איך האב אויך א ווייב און קינדער, איך קען נישט דא אומגעברענגט ווערן. זאגן נישט חז"ל 'חייך קודמין'? לאמיר גיין," האט ער געשלעפט משה-לייב'ן ביי זיין דורכגעווייקטן ארבל.

משה-לייב האט נישט נאכגעלאזט. "חאצקל, האב רחמנות! איך קען נישט אהיימגיין פאר דו גייסט ארויס פון דער סוכה. ס'איז א שרעקליכע סכנה. פאר דיר, פאר דיין ווייב, פאר דיינע קינדער, דו מוזסט, דו מוזסט..."

"ה-י-י-ל-י-ג!" האט זיך ווידער געהערט חאצקל'ס קוים דערקענבארן קול. "איך קען נישט איבערלאזן די הייליגע אושפיזין, איך קען נישט..."

חאצקל האט נישט עספעיט צו ענדיגן ווען משה-לייב און זאנוויל האבן צוזאמען ארויסגעלאזט א הילכיגן קוויטש. די סוכה האט זיך א וואקל געטון, א הויב געגעבן, אוועקגעריסן פון דער ערד, און צוזאמען מיט טיש און בענק, מיט חאצקל דערין, האט די ווינט ווי מיט א נצחון-ברום איר געטראגן העכער און העכער און ווייטער און ווייטער... משה-לייב האט באדעקט זיין פנים מיט ביידע הענט, זיין שאק און ווייטאג האט באלד ארויסגעברענגט א פלייץ טרערן וועלכע האבן זיך אויסגעמישט מיט דאס וואסער וואס האט ווייטער גאלאפירט אויף אלעם וואס דער שטורם האט אנגעטראפן. זאנוויל איז געשטאנען ווי אן אפגעפאטשטער. ער האט קוים געקענט עפענען דאס מויל. ער האט באטראכט ווי די סוכה פליט העט ווייט אוועק, רוימט ארויף צו די הויכן און ווערט קלענער ווי נאר די רגעים גייען פארביי. "אוי, נעבעך נעבעך... אזא ביטערן סוף."

*

יעדער האט געהאט עפעס צו דערציילן איבער דער נאכט פון טעראר. דער האט פארלוירן זיינע טעפ, א צווייטער האט אנגעוואוירן זיין זאפאס פון לעדער, א דריטער האט גאר דערציילט ווי ער האט אליין געזען ווי זיינס א קו ווערט אוועקגעטראגן דורך דעם ווינט. עס איז אויך געווען דער וואס האט דערציילט יענעם אינדערפרי אין שול איבער דאס הויז פון לאה'לע די אלמנה, וואס איז שטארק חרוב געווארן. עס זענען שוין געווען די גוטהארציגע אידן וועלכע האבן איר אריינגענומען אין שטוב צוזאמען מיט אירע צוויי קינדער, און פארשפראכן אינאיינעם צוריקצובויען דעם הויז. אבער ווען זאנוויל איז אריינגעקומען שפעט אין שול נאך א שלאפלאזער נאכט איז קיינער נישט געווען גרייט צו הערן די שרעק-געשיכטע וואס ער האט געהאט צו דערציילן. "משה-לייב האט נאך גארנישט דערציילט?" האט ער געפרעגט מיט וואונדער. דער עולם האט זיך אויסגעדרייט און געזען משה-לייב זיצן אין ווינקל מיט'ן טלית אויף די פלייצעס, בלאס, דערשראקן, און מיט געשוואלענע אויגן.

"וואס האט פאסירט?" האט מען געפרעגט זאנווילן. "אוי, וואס זאל איך אייך דערציילן. 'ברוך דיין האמת,' ס'איז א ביטערע צרה..."

די פארזאמלטע האבן נישט געהאט דאס געדולד צו הערן זאנוויל'ס קרעכצן, אבער זאנוויל האט קוים געקענט ארויסזאגן פון מויל די ביטערע פרטים פון וואס ער האט צוגעזען נעכטן פארנאכטס. די פארזאמלונג איז געווארן גרעסער און גרעסער בשעת זאנוויל האט ענדליך ארויסגעקרעכצט וואס עס האט פאסירט מיט חאצקלען, ווען צייטנווייז לאזט משה-לייב ארויס א מאיומ'דיגן זיפץ וואס הילכט אפ איבער דעם גאנצן חלל פון דער שול.

"מיר וואלטן אים געמוזט העלפן פריער, ראטעווען פון זיין משוגעת," האט זאנוויל אויסגעבראכן אין א געוויין. "ליידער האט זיין משוגעת געברענגט זיין פריצייטיגן טויט, און נאך אויף אזא שוידערליכן אופן. אפילו א קבר וועט מען נישט פאר אים האבן. אוי..."

משה-לייב און זאנוויל האבן געוויינט ווי עופ'עלעך, און יעדער האט מיטגעוויינט. פון זיינע פארטרערטע אויגן האט זאנוויל אפילו באמערקט זיין פאטער, ר' שלום, זיך צוהערן צו זיין געשיכטע, און אויך ווערן גערירט צו טרערן. אן אבילות האט איבערגענומען דעם שול, אלע האבן זיך געדרייט מיט אראפגעלאזטע קעפ, צעבראכן און צעקלאפט. ס'איז שוין געווען ווער עס האט תיכף מייחד געווען א טיש וואו צו צינדן ליכט פאר חאצקל'ס נשמה, און מ'איז געשטאנען און געצינדן, שטיל און פאראומערט.

"איין מינוט!" האט א שטימע פלוצלינג איבערגעריסן די טריבע שטילקייט פון שול. ס'איז געווען ר' שלומ'ס. "ווער זאגט אז חאצקל איז בכלל געשטארבן? קיינער האט אים נישט געזען טויט! יא, זיי זאגן אז ער איז אוועקגעפלויגן דורך דעם שטורם צוזאמען מיט דער סוכה, אבער משה-לייב," האט ער זיך אויסגעדרייט צו משה-לייב וועלכער האט נאך געהאלטן זיינע הענט אויף זיין פארוויינטן פנים, "האסטו אים געזען טויט? טויט?!" ר' שלום האט ווייטער געזאגט: "יעדער פארשטייט אז חאצקל איז לא-עלינו געווארן גערירט פון זינען אין דער לעצטער צייט, יעדער פארשטייט אז דער אויבערשטער זוכט נישט אז מיר זאלן בלייבן אין דער סוכה נאכדעם וואס סוכות ענדיגט זיך. אבער חאצקל האט דאך געשריגן אז די סוכה איז 'הייליג' – ער האט נעבעך געמיינט אז ער דינט דעם אויבערשטן! צי מיינט איר אז דער אויבערשטער האט אים אזוי געלאזט אומקומען?!" ר' שלום האט אפגעווישט זיין שוויס און פארגעזעצט. "אַה!" האט ער געגעבן א פאכע מיט דער האנט, "איך וועל אייך דערציילן וואס דא איז פארגעקומען.

דער אויבערשטער האט געזען ווי חאצקל מיינט עס נעבעך אזוי ערנסט, ער וויל אים דינען דורך בלייבן זיצן אין דער סוכה דורכאויס דעם גאנצן יאר. דער אויבערשטער האט דאך אבער געזען אז עס גייט קומען דער ווינטער, און ווינטער — דארף איך אייך נישט זאגן — איז זייער קאלט. מה עשה הקדוש-ברוך-הוא? ער האט געברענגט א שטורם וואס האט אויפגעהויבן די סוכה צוזאמען מיט אונזער חאצקלען, און איך זאג אייך, ער האט געמאכט אז דער ווינט זאל טראגן די סוכה מיט אלעס אין איר צו איינער פון די ווארימע לענדער, וואס דארטן וועט חאצקל ווייטער קענען זיצן אין דער סוכה, און קענען דינען דעם אויבערשטן!״ זיינע לעצטע ווערטער האט ר׳ שלום אויסגעפירט מיט פאטאס.

משה-לייב איז רויט געווארן. ״ביסט אינגאנצן משוגע געווארן, ר׳ שלום. הלוואי וואלט חאצקל נאך געלעבט — ער איז מיר געווען א גאר גוטער פריינט. איך זאג אייך אבער אז ליידער איז ער אומגעקומען. ווען האסטו דאס לעצטע מאל געזען א נס?! וואס מאכט דיך טראכטן אז פונקט דא איז געשען אזא מאדנע געשעעניש אז א שטורם זאל אפטראגן א סוכה צו א ווארימער לאנד? איך האב געזען ווי דער ווינט טראגט אים אוועק. אוי, נעבעך... די סוכה מיט אים אינעווייניג האט מסתמא אראפגעקראכט ערגעץ וואו, און מ׳וועט זיין געביין קיינמאל נישט געפינען.״

מ׳האט געשישקעט און געמורמלט, קיינער האט זיך קודם נישט געוואגט זיך קעגנשטעלן משה-לייבן — ער איז דאך געווען ביטערליך פארטרויערט, און ער האט דאך צוגעזען די טראגעדיע מיט די אייגענע אויגן. אבער צוביסלעך האבן זיך אין שול געשאפן פארשידענע דעות. טייל האבן געהאלטן אז אנצונעמען אז א נס האט דא פאסירט לייגט זיך בכלל נישט אויפ׳ן שכל, זיי האבן געזאגט אז אין לויף פון זייערע לעבנסטעג האבן זיי נאך קיינמאל נישט פערזענליך מיטגעהאלטן א נס, טא, פארוואס זאל מען דא אננעמען אזא מחודש׳דיגע הנחה. זאנוויל איז געווען אין שפיץ פון דער גרופע. ער האט געשטורמט אז זאגן אז עס איז געווען א נס איז אן אנגריף קעגן דעם מענטשליכן שכל, ״דאס לייקנט אין דעם אינטעלעקט פון דעם מענטש,״ האט ער איבערגעזאגט פאר ווער עס האט נאר געוואלט צולייגן אן אויער. אבער אנדערע האבן שטארק פארטיידיגט ר׳ שלומ׳ס מהלך, ״מיר ווייסן דאך אז דער רבונו-של-עולם איז א גוטער און ׳מפי עליון לא תצא הרעות,׳״ האט מיכאל ערקלערט. ״טא, פארוואס קען נישט זיין אז ער האט געמאכט א נס פאר חאצקלען נאכדעם וואס ער האט געזען ווי ערנסט ער מיינט עס? האט דען דער אויבערשטער געוואלט אז ער זאל פארפרוירן ווערן אין די ביטערע ווינטער-פרעסטן?״

משה-לייב האט נישט קיין סך גערעדט, ער איז בעיקר געזעסן און געקלאגט. אבער ווי די שעות זענען געלאפן און די טענער האבן זיך נישט אפגעשטעלט, האט זיך געדוכט פון קורצע זאצן וואס ער האט זיך ערלויבט אז משה-לייב הייבט זיך אן צו דערנענטערן צו ר׳ שלומ׳ס טעאריע.

א היסטארישער טאג איז עס געווען אין שטעטל, קיינער איז נישט געגאנגען ארבעטן, אלע זענען געבליבן פארזאמלט אין שול און געקלאגט און געוויינט אויף דער געשעעניש. אבער די דעבאטע האט ווייטער אנגעהאלטן דורכאויס דעם טאג.

ווי די נאכט איז צוגעפאלן איז משה-לייב שוין געווען דערמונטערט. ער איז ביי זיך שוין געווען איבערצייגט אז חאצקל איז בכלל נישט אומגעקומען. ער האט פארגעסן פון זיין אבילות, און גאר זיך געווערטלט מיט אנדערע אז ס׳לוינט זיך משוגע צו ווערן, אויב גאט מאכט דערנאך אזעלכע ניסים. זאנוויל האט עס נישט אויסגעהאלטן; ער האט געברענט ווי א פאקל. ״משה-לייב, דו פארשעמסט חאצקל׳ס זכרון. א טראגעדיע האט דא פאסירט!״ אבער משה-לייב האט שוין נישט געהערט.

לאנג, לאנג האט מען זיך נאך גע׳טענה׳ט אין שול. אפילו ווען די נאכט האט שוין געקעניגט עטליכע שעה האבן די צוויי זייטן נישט אויפגעגעבן. ווען די ליכט אין שול האבן זיך גענומען צאנקען, און ענדליך ארויסגעלאזט די לעצטע זשופע אין פארם פון א דינעם קנויל רויעך, איז זאנוויל ארויסגעגאנגען א צעקאכטער.

עטליכע מעטער הינטער אים האט אהיימשפאצירט ר׳ שלום א צופרידענער, פול מיט שבח והודאה צום אויבערשטן.❖

## שמועסן / אידישקייט און עטיק:

[״צווישן אידישער מחשבה און געפיל״, נומ. 7]

הרועה בשושנים:

וואס פאר א סארט עטיק קען מען ארויסלערנען פון דער אידישער רעליגיע? אז מ׳דארף פארשטיינערן מחללי שבת? וואס רוב פונעם אלוועלטליכן אידענטום זענען דאך מחללי שבת.

אז אפיקורסים מורידין ולא מעלין?

מ׳דארף נישט מער ווי עפענען דעם ספר תנ״ך און דעם תלמוד, שולחן ערוך, און זען וואס פאר א געוואלדיגע מאראליטעט און מוסר ס׳לערנט אונז אויס. און אפילו ווען ס׳שטייט שוין יא עפעס גוט, ווי צום ביישפיל ואהבת לרעך כמוך, לערנט מען אויך ארויס ״רעך״ בתורה ובמצוות. מיט וואס איז דאס אנדערש ווי דער נאצישער אידעאלאגיע? בסך הכל איז דאס א מוסר פאר דער אייגענער גרופע, און די אנדערע זענען די אונטערמענטשן.

דעריבער, אדער רעפארמירט מען די אידישע רעליגיע אז ס׳זאל שטימען מיט דער היינטיגער ליבעראלער, דעמאקראטישער וועלט, יא, טאקע דער ליבעראלער וועג וואס מאשר שמנה איז אזוי דערקעגן. די פאקט איז אז קיינמאל בעפאר אין דער מענטשליכער היסטאריע איז נישט געווען אזא חירות פאר יעדן, דווקא היינט הערשט אסאך א בעסערע עטיק און מאראליטעט אין דער פרייער ציוויליזירטער מערב-וועלט ווי ס׳איז אלעמאל געווען אין היסטאריע. וואו איז רעליגיע אלעמאל געווען? אה, זיי זענען געווען פארנומען מיט כאפן און פארברענען אדער הענגען מכשפות, ווי ס׳שטייט אין פסוק ״מכשפה לא תחייה,״ און דאס איז נאר איין ביישפיל.

צא וחשב, וויפיל מענטשן האט רעליגיע אומגליקליך געמאכט במשך די היסטאריע, דער מספר איז אין לשער, און אפילו היינט ליידן נאך אזויפיל מענטשן אלץ רעזולטאט פון רעליגיע. אויב היינט איז אין פארשידענע רעליגיעס נישט אזוי געפערליך ווי עס פלעגט זיין, איז עס צוליב די פארגעשריטענע היינטיגע פרייע דעמאקראטישע ווירדן וואס האבן באאיינפלוסט רעליגיע, און נישט פארקערט.

און טאמער וויל מען נישט רעפארמירען ווייל ס׳שטייט דאך ״חדש אסור מן התורה״ און נאך אזעלכע שטותים, איז שוין בעסער עס אינגאנצן אוועקצוווארפן, סוף כל סוף איז דאך דער גאנצער שורש פארדארבן, און ס׳איז שוין בעסער אנצונעמען געהעריג די היינטיגע עטיק, ווי זיך נאך אלץ אנלייגן אויף די אור-אלטע ביכער און אריינ׳פשט׳לען אין די פסוקים צו פרובירן פארענטפערן וויאזוי ס׳קען שטימען, וואס על פי רוב קען מען עס נישט מאכן שטימען מיט דער היינטיגער מאראליטעט, און די אלע פרואוון עס יא צו מאכן שטימען זענען איין שטיק חוזק, און אזוי קען מען פארענפערן דעם קאראן און ״מיין קאמף״ אויך.

וויליאם:

דיין אויסברוך אויף דער תורה מיט די עטיק וואס זי לערנט אירע לערנער איז פארשטענדליך, טאקע אויב באטראכט מען די תורה ווי אן עטיק-בוך, דאן איז אויך די אנאלאגיע צום ״מיין קאמף״ און קאראן אויך ריכטיג. די אמת איז אבער עטוואס אנדערש; תורה איז נישט קיין בוך, אויך נישט קיין עטיק לערע, עס איז דאס וואס מאכט עטיק פונקט ווי דאס וואס מאכט אלע אנדערע געזעצן פון לעבן און פון דער בריאה.

ג-ט האט מיט די פארשריפטן פון תורה געפארעמט די וועלט, דאס נאטור און דאס עטיק. מיר אלס אידן זענען פארטרויעט געווארן מיט אט די פארשריפטן, מיט אט די ״בלו-פרינט״, מיט אט די רעסעפי בוך. מיר קענען ארייננקוקן און זען פון וואנעט עטיק שטאמט. און דערפאר איז נאריש און אומלאגיש זיך צו דינגען מיט וואס שטייט דארט אין קאנטראסט צו וואס ליבעראלקייט שלעפט און ציט.

הרועה בשושנים:

זייער שיין, איך קען אויך שרייבן א גאנצע בוך, און אין דעם שרייבן אוממאראלישע געזעצן, און דערנאך דערקלערן אז דאס איז וואס מאכט עטיק און אלע אנדערע געזעצן פון לעבן. פונקט אזוי טענה׳ן די מוסולמענער אויך, אז זייער בוך קומט פון גאט און דערפאר שטימען די אלע בארבארישע געזעצן מיט א געטליכע עטיק, נו, גיי טענה זיך מיט א גאט...

הצד השוה שבהם איז אז ביידע זענען ביכער וואס מענטשן האבן געשריבן, און ס׳שטימט נישט מיט די היינטיגע מענטשליכע עטיק און מאראליטעט. דערפאר באלאנגט דאס אין דער היסטאריע.

פיניע בעל-עגלה:

״ארויסלערנען״ דארף מען גארנישט. איז, לאז רעליגיע אין דער זייט און בוי זיך אויף אן אייגענער פילאזאפיע. זאג מיר ווען דו ביזט פארטיג.

אויב ווילסטו דווקא עפעס ארויסלערנען פון דער אידישער רעליגיע, קענסטו אנהייבן מיט דעם סאציאלן סיסטעם וואס די תורה האט אוועקגעשטעלט - דווקא אין א תקופה ווען די פעלקער צווישן וועלכע די ערשטע אידן האבן זיך אין יענער צייט געדרייט, זענען אין דעם היניזכט פון יושר און נארמאלקייט געווען פארפוילט ביזן ביין. די תורה רעדט פון א געזעץ-סיסטעם וויאזוי צו האנדלען מיט בא׳עוולה׳ערס און בא׳עוולה׳טע. דאס איז געווען אין א צייט ווען ביי איינעם פון די ז׳ עמים איז דער תיקון פאר א רוצח געווען צו הרג׳ענען א קרוב פונעם קרבן. די תורה הייסט מענטשליך באהאנדלען א קנעכט, אין אן עפאכע ווען א קנעכט איז באטראכט געווארן ווי א שטיק מעבל. די תורה לערנט זיך רעכענען מיטן צער פון באשעפענישן - א שיינע 3,000 יאר בעפאר פיט״א איז געגרינדעט געווארן.

אזוי צוריקגעשטאנען ווי דו ווילסט זאגן די תורה איז לויט די היינטצייטיגע השגות, אזוי סאפיסטיקירט איז זי בשייכות דער מענטשהייט פון דעמאלט. (דאס איז אויך נישט קיין אויסגעהאלטענער מהלך - הגם ס׳איז דאס ערגסטע וואס קען וועגן דער תורה געזאגט ווערן בשייכות ציוויליזאציע.)

אבסאלוטער ליבעראליזם קען בשום אופן נישט ארבעטן, ווי ״מאשר שמנה״ דערקלערט אינעם ארטיקל.

כ׳ווייס נישט פינקטליך וואס די תורה זאגט אויף וועמען; כ׳זע אבער וואספארא געזעלשאפט זי האט פראדוצירט. שוין נאכ׳ן ארייננעמען אין חשבון ״מחללי מות יומת״ און ״מכשיפה לא תחי׳״, האט מען במציאות ביי אידן כמעט נישט געמארדעט קיין מענטשן - ארייגערעכנט די חיובי מיתות בי״ד. יתכן אז אידישקייט און נאציזם זאגן די זעלבע זאכן: למעשה האט דער נאציזם פראדוצירט מערדערס, און אידישקייט - נישט. ס׳איז דווקא נישט קיין צופאל פארוואס נאציזם האט אין אידן געזען דעם ענדגילטיגן שונא.

״ואהבת לרעך כמוך״: דו קענסט איין מפרש, מלמד, למדן וואס לערנט פשוט-פשט אין פסוק ווי דו? וואס יא, אז עמיצער וויל ניצן דעם פסוק פאר א תורה׳לע, ארויסצוברענגען דערמיט עפעס וואס איז אויך שיין און גוט, פארוואס דען נישט? דו זעסט נישט די איראניע אז דו נעמסט אן אלטערנאטיווער טייטש אין פסוק, און ניצט אים אפצופרעגן דעם פשוט-פשט, וועלכער שטימט דווקא יא מיט דיין וועג פון טראכטן?

הרועה בשושנים:

איך דארף גארנישט בויען קיין אייגענער פילאזאפיע, די היינטיגע ליבעראלע חירות פאר יעדן איז מיר פונקט גענוג, און זיכער בעסער ווי די עטיק פון תנ״ך. די תורה׳דיגע געזעץ-סיסטעם איז פשוט אוממאראליש, און וואלט באטראכט געווארן ווי א פאברעכן קעגן דער מענטשהייט היינטיגע צייטן. די תורה הייסט זייער מענטשליך באהאנדלען א קנעכט אזש אז טאמער שטארבט דער קנעכט פון די מכות פונעם אדון א טאג שפעטער איז ער נישט מחויב. וויאזוי פונקטליך האט די תורה זיך גערעכנט מיט די צער פון בעלי חיים מיט די קרבנות צערעמאניעס און מיט׳ן שעיר לעזאזל. קען זיין אז פאר דעמאלטס איז עס נישט געווען אזוי געפערליך, אבער טאקע דערפאר באלאנגט עס אין דער היסטאריע.

איך ווייס נישט פונקטליך וואס איז דאס אבסאלוטער ליבעראליזם, אבער ס׳הערט זיך מיר זיכער אן בעסער ווי זיין אונטער די שקלאפעריי פון דער תורה און הלכה.

וואס איז א חילוק וויפיל מ׳האט געמארדעט? למעשה איז דאס די אידעאלאגיע און מ׳דארף עס נישט פארגלייכן צו עפעס ערגער, נאר צו עפעס בעסער, וואס דאס איז די היינטיגע דעמאקראטיע און פרייהייט.

נעם א ביישפיל די מעשה אין גמרא פון ר׳ שמעון בן שטח וואס האט אין איין טאג ערמארדעט אכציג מכשפות. ס׳אלץ זייער שיין צו פאמפן מיט׳ן ״ואהבת לרעך כמוך״, אבער ווען ס׳קומט צו ״ומצא איש מקושש עצים בשבת,״ דאן איז פלוצלונג נישט דא קיין ואהבת. ס׳איז מיר בעסער דער כלל פון ״לעב און לאז לעבן״ ווי אזא סארט ואהבת. אויסער דעם וואס דער כלל פון ״רעך תורה ובמצוות״ איז דאך תורה שבעל פה וואס אלעס קומט דאך מסיני, און אויף דעם זענען געבויעט געווארן דיסקרימינירנדע הלכות וואס מ׳קען טרעפן גענוג פון זיי אינעם תלמוד און שולחן ערוך.

פיניע בעל-עגלה:

די ליבעראלע פרייהייט דערלויבט יעדן צו טראכטן וויאזוי ער וויל. איך וויל פארשטיין וויאזוי דו טראכסט - וואס דו זעסט אלס אן אויסגעהאלטענע פילאזאפיע.

דו פרעגסט גוטע קשיות. למעשה זעען מיר אז קעגן די קרבנות האט די תורה אוועקגעשטעלט געזעצן איבער צער בעלי חיים אין א תקופה ווען ס׳איז קיינעם נישט איינגעפאלן אז טשעפען מיט בעלי חיים קען געזען ווערן ווי א מאראלישע פראבלעם. דו מיינסט נישט אז דאס זאגט עפעס וועגן דער פארגעשריטנקייט פון דער תורה, אז דער מחבר איז געווען פאראויס פון דער צייט, אין וועלכער די תורה איז געגעבן געווארן?

אבסאלוטער ליבעראליזם טאלערירט יעדע מיינונג וואס קען נאר געטראכט ווערן. דאס קען בשום אופן נישט ארבעטן, ווייל אויב יא דארף מען פרואווען פארשטיין און טאלערירן א מהלך ווי היטלער, וועלכער האט אויך געהאט ראציאנאלע חשבונות פאר זיין פילאזאפיע.

וואס א חילוק וויפיל זענען געמארדעט געווארן? א גרויסער און וויכטיגער חילוק איז עס. דאס אז געוויסע אקטן רופן פארן טויט פון דעם וואס האט די אקטן דורכגעפירט, איז אמת אין כמעט יעדער קולטור אויף דער וועלט, ביז היינט. איז נאר די שאלה וואספארא מעשים פארלאנגען אז דער בעל המעשה זאל געטויט ווערן. און די תורה וואס זאגט אויף פארשידענע זאכן ״מות יומת״, האט אין דער זעלבער צייט אוועקגעשטעלט אזויפיל שוועריגקייט און אזוי קאמפליצירט דעם פראצעס, אז ס׳איז כמעט קיינמאל נישט געקומען דערצו.

פארוואס זאל איך נעמען א ביישפיל פון שמעון בן שטח, וואס האט געטאן עפעס וואס איז דורך דער גמרא זעלבסט באטראכט געווארן ווי א זעלטענער חידוש אויסגעפירט אין א שעת חירום? פארוואס נישט נעמען א ראי׳ פון דעם זאג, אז א בי״ד וואס האט דן געווען א מענטש למיתה איינמאל אין 70 יאר, איז א ״בי״ד קטלנית״?

טויטן דעם מקושש עצים האט געזאגט דער זעלבער וואס האט געזאגט ״ואהבת לרעך כמוך״. און אויב דער זעלבער האט געפילט אז אין געוויסע פעלער דארף דער יעניגער געטויט ווערן, האט ער דאך געהאט די זעלבע רעכט. ״לעב און לאז לעבן״ איז א סתירה צו ליב האבן יענעם ווי דו אליין, ווייל עס איז נישט מחייב צו העלפן עמיצן אין א פראבלעם.

הרועה בשושנים:

וויאזוי איז די מצווה פון שילוח הקן און שעיר לעזאזל א רעכענונג מיט צער בעלי חיים?

נארישקייטן, מ׳קען בשום אופן נישט טאלערירן א מהלך ווי היטלער, ווייל ס׳שטייט אין דירעקטן קאנטראסט צו די ווירדן פון פרייהייט און מענטשהייט, פונקט ווי טאלערירן די געזעצן פון די תורה און דאס גלייכן, איז קעגן די מענטשהייט, דו האלסט דאך אז די תורה האט ראציאנאלע חשבונות, ממילא דארף איך דאס אננעמען כאטש סאיז אקעגן די ווירדן פון פרייהייט? אנדערע רעליגיעס ווען אויך זאגן אז זיי האבן ראציאנאלע חשבונות, ממילא דארף מען טאלערירן דעם קאראן צום ביישפיל?

איך פארשטיי נישט, ווייל געוויסע דיקטאטורישע סיסטעמען האבן דערמארדעט מער מענטשן, דארף איך אננעמען א סיסטעם וואס האט דערמארדעט ווייניגער? אויסער דעם וואס טאמער וואלט די טעכנאלאגיע פון גאז-קאמערן שוין געווען דעמאלטס, מיינסטו אז ס׳וואלט נישט באנוצט געווארן קעגן די ז׳ אומות, צום ביישפיל, אזויווי ס׳שטייט ״לא תחייה כל נשמה.״ טאמער וואלט די היינטיגע פארגעשריטענע וואפן שוין עקזיסטירט דעמאלטס, מיינסטו אז ס׳וואלט נישט גענוצט געווארן אין דער תורה און גע׳הרג׳עט אסאך מער מענטשן?

די וואס האבן געמאכט געוויסע ״מות יומת״ שווערער, זענען געווען חז״ל וואס האבן איינגעזען אז נישט אלעס שטימט ממש מיט די דעמאלסדיגע עטיק, דערפאר האבן זיי אזוי ארייגעדרייט פשטלעך עס ׳אביסל׳ פארבעסערן, א ביישפיל איז ״עין תחת עין״ וכו׳ וואס זיי האבן געטייטשט אז ס׳מיינט ממון. אבער למעשה ביי געוויסע זאכן האבן זיי ערגער געמאכט, ווי צום ביישפיל ״הבועל ארמית קנאים פוגעין בו.״

דאס וועגן א ב״ד קטלנית מיינט נישט גארנישט, ווייל למעשה קען זיי דאך נישט גיין קעגן דער תורה, און אז די תורה האט געשריבן הרג׳ענען האבן זיי גע׳הרג׳עט, אפילו ס׳האט געהייסן קטלנית. דאס איז שוין אויסער די פעלער וואס מ׳האט גענומען דאס געזעץ אינעם אייגענעם האנט ווי ״מורידין ולא מעלין״. און ״מי שלקה ושנה בית דין מכניסים אותו לכיפה ומאכילין אותו שעורין עד שכריסו מתבקעת.״ אין אלץ אינעם נאמען פון די תורה.

וואס פאר א זינלאזע שטות איז דאס צו זאגן אז ווייל איינער האט געזאגט אמאל א גוטע זאך מיינט עס אז אלעס וואס ער האט געשריבן און געטאן איז גערעכט, פעלן דען מאסן-מערדער אין דער היסטאריע וואס האבן אויך אמאל געזאגט גוטע דיבורים? אינעם קאראן שטייט אויך צומאל גוטע ווערטער, מיינט עס אז אלעס וואס שטייט דארטן איז גערעכט?

״ואהבת לרעך כמוך״ איז סך הכל אן אינערליכע אהבה פאר די עם הנבחר אזויווי די אויבערמענטשן, און דאס איז אויך נאר רעך בתורה ובמצוות. עכ״פ דארף מען נישט צוקומען צו דער תורה פאר דעם, דער כלל פון ״מאן דעלך סני״ האט עקזיסטירט אין אנדערע קולטורן און אפילו נאך פאר דער תורה.

די מענטשליכע הומאניסטישע עטיק איז אין יעדן פאל בעסער וואס די תורה און אידישע רעליגיע זענען סיי ווען אויפגעקומען.

פיניע בעל-עגלה:

פארוואס דען נישט? אינזעקטן מעג מען צעטרעטן, נאר ווייל איך קען און זיי שטייען מיר אין וועג, און אנדערע באשעפענישן - וואס זעען אויס מער ענליך ווי איך, מען רופט זיי אפילו מענטשן - טאר איך נישט הרג׳ענען, אויב שטייען זיי מיר אין וועג?

ביזט באקאנט מיט דארוויניזם? אלע פארמען פון לעבעדיגקייט קומען פון זעלבן מקור, נאר האבן זיך אנטוויקלט אין פארשידענע ריכטונגען דורכאויס די יארן. עוואלוציע האלט נאך ווייטער יעצט אויך אן, און די בריאה האלט אין איין זיך אנטוויקלען.

פארוואס מעג מען בהמות און חיות מארדן, און אנדערע באשעפענישן - וואס זעען אויס ווי מענטשן, אבער האבן זיך פארט אנטוויקלט שוואכער ווי איך - נישט?

וואו איז יושר?

אויף די צער-בעלי-חיים ארגאניזאציעס קען מען פרעגן א קשיא אויף פארקערט: פארוואס בהמות טאר מען נישט הרג׳ענען, אבער פלאנצונגען - יא? יענע זענען דאך אויך לעבעדיג. ווי איז דאס רחמנות כלפי די אומבאהאלפענע געוויקסן?

איז, דארפן מיר, קודם כל, איינשטעלן א שטיקל קלארקייט אין די ״ווירדן פון פרייהייט און מענטשהייט.״ דערנאך וועט מסתמא גרינגער זיין ממשיך צו זיין. אזוי טראכט איך מיט מיין נארישן שכל.

הרועה בשושנים:

זייער פשוט, ס׳דארף זיך ווענדן ווי שטארק די באוואוסטזיין פון די באשעפעניש איז אנטוויקלט, דערפאר קען מען נישט פארגלייכן חיות און אינזעקטן צו מענטשן וואס זענען אסאך מער אנטוויקלט און באוואוסטזיניג. און פאר די זעלבע סיבה קען מען נישט פארגלייכן פלאנצונגען צו בעלי חיים.

פיניע בעל-עגלה:

ווער איז דער וואס האט באשלאסן אז באוואוסטזיין איז די גרעניץ? און אויב יא, ווי שטארק באוואוסטזיניג דארף עפעס זיין, ארייצופאלן אין דער ״אסור-להרגו״ קאטעגאריע? אפשר האט עס צוטאן מער מיט ווי ווייט יענעמס נערוו-סיסטעם שפירט די פיין?

און וואס איז די הלכה מיט א דריי-טאגיג קינד: יענס מעג מען יא הרג׳ענען? און א פסיכיש-צעדרייטן?

לויט דיין כלל: מעג מען אדער מעג מען נישט הרג׳ענען בעלי חיים?

הרועה בשושנים:

מ׳דארף נישט האבן איינער וואס זאל דאס באשליסן, דאס איז ״קאמען סענס״, און אזוי האט די מענטשהייט באשלאסן.

פארשטייט זיך אליין אז מ׳טאר נישט הרג׳ענען קיין קינד און א פסיכיש-צעדרייטן, יעדער מענטשליכן לעבן האט א ווערד, און מ׳קען נישט פארגלייכן זייער לעבנס צו דאס לעבן פון בעלי חיים וואס האבן נישט די באוואוסטזיין און אויך נישט די פאטענציאל פון א מענטש.

לויט מיין מיינונג מעג מען הרג׳ענען בעלי חיים פאר די וואוילזיין פונעם מענטש, אבער נישט סתם אזוי אן קיין בענעפיט. און פארשטייט זיך אז ס׳מוז דורכגעפירט ווערן מיט מינימום צער.

פיניע בעל-עגלה:

״מ׳דארף נישט האבן איינער וואס זאל דאס באשליסן״ ... ״אזוי האט די מענטשהייט באשלאסן.״ הממם.

״פארשטייט זיך אליין אז מ׳טאר נישט הרגענען קיין קינד און א פסיכיש צעדרייטן.״ אפילו זיי זענען נישט באוואוסטזיניג? פארוואס האט א מענטשליך לעבן א ווערט? און בעלי חיים האבן נישט קיין פאטענציאל? און אלע מענטשן האבן די זעלבע מאס פאטענציאל?

״לויט מיין מיינונג מעג מען הרגענען בעלי חיים פאר די וואוילזיין פונעם מענטש.״ אויף וועלכן סמך: ווייל איך קען? מיט וואס איז א ״בעל חי״ ווערט ווייניגער ווי א ״מענטש״: ווייל איין טייל פון מיין מוח איז מער אנטוויקלט ווי דער באשעפעניש׳ס?

אגב: די ״מענטשהייט״ האט נישט אזוי באשלאסן. פאראן א סך מענטשן - א גרויס חלק פון זיי פראגרעסיווע ליבעראלן - וואס האלטן אז מען טאר נישט הרג׳ענען קיין באשעפענישן, אפילו פאר א מענטשליכן בענעפיט.

אפשר דארפן מיר זיך זעצן לערנען די ״ווירדן און פרייהייט״ פון דער מענטשהייט; און דערנאך, אז ס׳וועט בלייבן צייט, וועלן מיר אביסל לערנען וויסנשאפט?

הרועה בשושנים:

א קינד און א פסיכיש צעדרייטן זענען אויך באוואוסטזיניג און האבן די פאטענציאל, אויך דארפן מיר זיך רעכענען מיט די פאמיליע און ארומיגע, וואס פונקט ווי דו ווילסט נישט אז מ'זאל שעדיגן דיינס א נאנטע, איז שעדיג נישט א צווייטנס.

ס'איז דאך זעלבסטפארשטענדליך אז א מענטש איז מער ווערד ווי א בעל חי, האבן אנדערע באשעפענישן באוויזן ארויפצוקומען צו דער לבנה? די אויפטו און דערגרייכונגען פון א מענטש זענען נישט קיין פארגלייך צו בעלי חיים, און אויך נישט די פארשטאנד, אינטעליגענץ עטיק און זעלבסט-באוואוסטזיין.

אמת אז ס'זענען טאקע פארהאן מענטשן וואס זענען קעגן הרג'ענען חיות אויף צו עסן, אבער רוב פון דער מענטשהייט האלט נישט אזוי, און דאס איז די סדר העולם, דער מענטשליכער מין איז אויף די שפיץ פונעם עסן לייטער.

וויליאם:

הייסט עס אז נאר דאס מין וואס קען דערגרייכן די לבנה, דארף און מעג זיך פאשען מיט די וואס זענען ווינציגער באהאלפן? איז אויב אזוי אפשר מעג ניעל אמסטראנג ענד קא. הרג'ענען "הרועה בשושנים" מיט פיניעלען מחמת זייערע פיס האט נישט די לבנה באטראטן? און אפשר איז היטלער אויך בארעכטיגט אויסצומארדעווען אידן וואס זענען געווען אומבאהאלפן קעגן זיינע עס-עס קלגסים?

און אולי מעגן גאר אידן טאקע באראבעווען דאס גאנצע וועלטס געלט, מחמת זיי זענען דערצו פעאיג און פיפיג... און דער פיפיגער איז דאס סאמע וויכטיגער אויף דער וועלט.

און ווער האט דיר טאקע מגלה געווען אז דער מענטש איז מער באוואוסטזיניג פונעם בעל חי?... און אפשר גרייכט דאס אינטעליגענץ פונעם בעל חי אזוינע שטופעס אזש ער פארשטייט גאר אז טעכנאלאגיע שאפט מער שאדן פארן וועזן ווי אויפטו... אפשר איז דאס סדר החיים וואס בעלי חי לעבן טאקע דאס שענערע און נארמאלערע... און זיי לעבן שוין אזויווי פיל פראגרעסיווע ליבעראלן גארן און ווילן אזוי שטארק לעבן, א שטייגער די היפיס און יאפיס. ביי בעלי חי איז דאך נישט פארהאן קיינע קנאה שנאה כבוד און נאך פארשידענע שרעקליכע מדות גרועות...

ווער האט דיר אנטפלעקט ווער עס איז דער ריכטיגער מוצלח? און וואס איז דען די גרויסע גדולה פונעם מענטשליכן עטיק איבער די בעלי חי? ❖

# איבער עמלק פון: חצי-עבד

המשך פון ערשטער זייט

לאמיר אביסל אויסקלארן דעם פראבלעם, און וויאזוי מ'קען דאס פארשטיין פון א מאראלישן און אידישן שטאנדפונקט.

## דער סטאטוס פון אמונה

בעת עס זענען פאראן גענוג פרומע ארטאדאקסיש-אידישע בעלי-מחשבה וועלכע וועלן מודה זיין אז אידישקייט קען מען נישט אויפווייזן, עס איז בלויז א שטארקער, לאגישער געפיל לויט וועלכן מען וויל לעבן, זענען פאראן אנדערע וואס טענה'ן אז עס זענען יא פאראן ראיות אונטערצושטיצן די אידישע אמונה. איך וועל זיך נישט באציען צו אזוי-גערופענע "בעלי מחשבה" אין די קירוב-באוועגונגען – וועלכע זענען באקאנט מיט זייערע פאלשע מהלכים און אומאויפריכטיגקייט, נאר צו מענטשן וועלכע האבן אוועקגעגעבן צייט און מחשבה צו טראכטן איבער דעם אידישן שיקזאל, און איבער דעם חובת האדם בעולמו וואס אנבאלאנגט דת און אמונה.

אויפריכטיגע בעלי-מחשבה, אפילו אזעלכע וועלכע האלטן אז עס זענען פאראן פאקטועלע ראיות וועלכע קענען איבערצייגן אז אידישקייט איז אמת, וועלן גרינג מודה זיין אז אפילו די ראיות וועלכע זענען פאראן, זענען נישט הונדערט פראצענטיגע, און אין געריכט וואלט מען א מענטשן נישט געקענט פאַראורטיילן לויט זיי. אזעלכע דענקער האלטן אבער אז די ראיות זענען גענוג שטארק איבערצונעמען די הכרה, און באגלייט מיט געפיל און דעם רצון צו פירן א אידישן לעבן איז דאס גענוג אויף צו קענען שענקען פאר דעם מענטש א קלארע אמונה וואס זאל אים באגלייטן זיין לעבן אן קיינע ספיקות.

די באקאנטסטע באוויז פאר אידישקייט איז די ראיה פון דעם "כוזרי": זעקס הונדערט טויזנט אידן האט מען נישט געקענט איינרעדן אז מתן-תורה האט פאסירט אויב עס האט נישט פאסירט. אזא דענקער וועט אוודאי אנערקענען אז עס זענען פאראן פארשידענע פראגעס אויף דעם באוויז, ער וועט אבער טראצדעם זיין גענויגט עס מקבל צו זיין, וויבאלד לויט אים איז די ראיה שטערקער פון די פירכות, און באגלייט מיט זיינע גייסטישע רצונות איז דאס גענוג שטארק.

עס זענען אוודאי פאראן אזעלכע וועלכע וועלן אויף דעם טענה'ן אז אויב די ראיות זענען נישט הונדערט-פראצענטיג, כאטש אזוי שטארק ווי ראיות לויט וועלכע מ'קען באשולדיגן א מענטש אין געריכט, וויאזוי איז מעגליך אויסצופארמירן דעם אייגענעם לעבן לויט זיי? איז דען גענוג מקריב צו זיין דעם לעבן פאר שפעקולאציעס, אפילו אויב עס זענען פאראן געוויסע נישט-קאטעגארישע באוייזן פאר זיי? דער תירוץ אויף דעם איז תלוי בלב האדם, אז א לאגישער מענטש שפירט זיך באקוועם מיט'ן מקבל זיין אויף זיך דת באזירט אויף באווייזן אפילו אויב די באווייזן זענען נישט פעלזן-פעסט קען מען צו אים קיין טענות נישט האבן. אזא מענטש קען באשלוסן אז אויב ער פירט זיין לעבן אויף א לאגישן אופן און שפירט אז אידישקייט איז שכל'דיג און עמאציאנעל-ריכטיג איז דאס פאר אים דער ריכטיגער וועג.

אזא איינער קען עס נעמען אפילו אזוי ווייט ווי פראקלאמירן זיין "אמונה" אויף הונדערט פראצענט קאנפידענט טראצדעם וואס די באווייזן זענען נישט אזעלכע, וויבאלד די עמאציאנעלע סיבות קענען גרינג אנפילן דעם קליינעם חלל צווישן די באווייזן און פולקאמער זיכערקייט.

בעת אבער איך אנערקען דעם רעכט אין מאכן א באשלוס אליין צו לעבן לויט דער אמונה אפילו אויב מען איז נישט הונדערט פראצענט ראציאנאל איבערצייגט דערין, איז פשוט אז עס איז אוממאראליש פאר א מענטשן צו מאכן דעם דאזיגן באשלוס פאר א צווייטן. אין אנדערע ווערטער, דער מענטש טאר נישט טון עפעס וואס איז נוגע א צווייטן אויב עס איז נאר בארעכטיגט לויט דער אמונה וואס ער האט מקבל געווען אויף זיך, וויבאלד אפילו ער

אליין וועט מודה זיין אז זיין אמונה האט נישט קיין הונדערט פראצענטיגע באוויזן, און טראצדעם וואס דאס דארף אים נישט אפהאלטן פון זיך אליין מקבל זיין צו לעבן לויט דעם וועג, קען ער נישט "מקבל" זיין די אמונה פאר א צווייטן.

היוצא לנו מזה אז דער טראכטנדער איד וועט מוזן מודה זיין אז סיי וואספארא זאך וועמענ'ס מאראלישע בארעכטיגונג שטאמט נאר פון דער אמונה וואס ער האט אויף זיך מקבל געווען, קען נישט אויף קיין שום וועג שאדן מאכן א צווייטן מענטש, וועלכער מוז נישט דוקא מקבל זיין זיין אמונה און אירע בארעכטיגונגען.

אבער איז דאס אזוי בלויז וויבאלד מען מוז מודה זיין אז די איבערצייגונגען זענען נישט הונדערט פראצענט קלאר? וואס איז אויב די איבערצייגונגען זענען יא הונדערט פראצענט קלאר? וואס איז אויב א מענטש ווייסט ביי זיך אן קיין שום ספק אז א געוויסע זאך איז יא אמת אדער נישט? מעג ער לויט די איבערצייגונגען ארייננקריכן אין א צווייטנ'ס אויטאנאמיע?

## אויטאנאמיע פון איבערצייגונגען

ביטע באטראכט אט דעם מאראלישן ספק: א איד, לאמיר אים רופן זרח, איז געווארן "אויפגעקלערט"; ער איז א מאמין, אבער ער גלייבט נישט אין פארשידענע זאכן וועלכע זענען אנגענומען ביי שלומי אמוני ישראל. זרח האט אויפגעהערט גלייבן אין קבלה; יעדן אינדערפרי פלעגט ער אמאל זיך אפגיסן נטילת ידים שחרית ("נעגל וואסער") לסירוגין ווי די הלכה פארלאנגט, כדי פון זיך אראפצואווישן די טמא'נע רוחות וועלכע האבן זיך אויף אים אנגעקלעפט דורכאויס דער נאכט. לויט ווי חרדי'שע אידן גלייבן, טוען זיך די רוחות אנקלעבן אויף דעם האנט, און בלייבן דארטן ביז מ'וואשט זיך כהלכה. אויב האט מען זיך נישט געוואשן קענען זיך די רוחות און די טומאה איבערכאפן צו עסנווארג וועלכע מ'רירט אן. זרח, אונזער פריש-געווארענער "אויפגעקלערטער", האט אויפגעהערט אנצוגיסן זיינע הענט מיט ריטואלן "נעגל וואסער" וויבאלד ער גלייבט נישט אין די אנגעבליכע רוחות וועלכע טאנצן ארום פון בעט צו בעט אינמיטן דער נאכט.

מאכט זיך אז זרח גייט אין א כשר'ער בעקעריי אינדערפרי און וויל זיך קויפן א בייגעלע. ער שטעקט אריין דעם האנט אין דעם קארב וואו די בייגעלעך געפינען זיך, אבער פלוצלינג שלעפט ער ספאנטאן צוריק ארויס דעם האנט ווי א שלאנג זאל אים האבן געביסן. זרח האט זיך געכאפט אז ער האט זיך נאכנישט געגאסן "נעגל וואסער". ער טראכט צו זיך, 'איך האב נישט קיין פראבלעם אנצוכאפן מיין בייגל מיט אומגעוואשענע הענט – איך גלייב בכלל נישט אין 'טומאה' און אין 'רוחות', אבער בשעת איך שטעק אריין מיין האנט אין דעם קארב ריר איך דאך צו אויך אנדערע בייגעלעך; רוב פון די מענטשן וועלכע גייען קויפן אט די אנדערע בייגעלעך גלייבן העכסט-וואַרשיינליך יא אין 'טומאה' און אין 'רוחות' – צי האב איך, אלזא, מאראלישער רעכט 'מטמא' צו זיין זייערע בייגעלעך?' אין אנדערע ווערטער זרח האט אוודאי מאראלישער רעכט צו לעבן זיין לעבן לויט ווי ער גלייבט אדער גלייבט נישט, אבער ווען עס איז נוגע אנדערע מענטשן, צי מער ער נוצן זיינע

איבערצייגונגען ווען עס טוט שאטן אנדערע לויט זייערע איבערצייגונגען?

איך וואלט געזאגט אז דער ריכטיג-מאראלישער ענטפער איז אז בשעת עס איז נוגע א צווייטן דארף מען זיך רעכנען מיט וואס יענער גלייבט, אן זיך רעכנען מיט די אייגענע איבערצייגונגען, נישט קיין אונטערשיד ווי זיכער מ'איז מיט די אייגענע אמונות. און דעריבער, אויב איינער גלייבט נישט אין טומאה, מעג ער רירן זיינע אייגענע בייגעלעך וויפיל ער וויל אפילו מיט אומאפגעוואשענע הענט, אבער אויב גייט ער אפילו נאר בטעות אנרירן דאס עסן פון אנדערע זאל ער ביטע זיך וואשן די הענט פריער.

די אויטאנאמיע וואו די איבערצייגונגען פון א מענטש קענען הערשן, אפילו אויב די איבערצייגונגען זענען ביי דעם מענטש הונדערט פראצענט לאגיש איבערגעוויזן און דערלאזן ניטאמאל א מקום ספק, איז נאר ביי אלעם וואס איז נוגע דעם מענטש זעלבסט – אויב איז עס נוגע א צווייטן, דארף מען פארגעסן פון אלעם וואס מען גלייבט און וואס מען איז איבערצייגט, און מען דארף זיך רעכנען מיט יענעמ'ס אמונה, ווייל יענעמ'ס איבערצייגונגען שאפן אן אייגענע אויטאנאמיע וואו קיינער טאר נישט אריינרעדן.

וואס קומט ארויס פון דעם? די לאגישע מסקנא איז ווידעראמאל פשוט: מיר דארפן נישט מודה זיין אז אונזערע איבערצייגונגען זענען נישט הונדערט פראצענט זיכער כדי צו אנערקענען אז מיר טארן נישט ארויסטרעטן פון אונזער אייגענער אויטאנאמיע; מיר האבן נישט קיין רעכט צו טון סיי וואס פאר א צווייטן מענטש, אויב כדי דאס צו בארעכטיגן דארפן מיר צוקומען צו אונזערע פערזענליכע איבערצייגונגען אפילו אויב מיר זענען הונדערט פראצענט ברור אז מיר זענען גערעכט און מיר זעען נישט קיין שום וועג וויאזוי יענער קען זיין גערעכט.

מיר קענען דעריבער דא בעסער אויסקלארן וואס פינקטליך עס איז די פראבלעם פון עמלק: וויאזוי האט די אידישע רעליגיע די רעכט מחייב צו זיין א זאך וואס גייט ארויס פון דער אייגענער אויטאנאמיע, צו טון נעגאטיווע פעולות פאר מענטשן פון דעם פאלק עמלק, וועלכע טיילן נישט די זעלבע איבערצייגונגען ווי אידן?

## תנאי אין געטליכקייט

וויבאלד עס איז ביי מיר נישט קיין ספק אין דעם אז איבערצייגונגען – ווי שטארק זיי זאלן נאר זיין – קענען נישט הערשן אינדרויסן פון דעם איבערצייגטנ'ס פערזענליכער אויטאנאמיע, קען איך אויך נישט אננעמען אז א געטליכע רעליגיע זאל פארמאגן "ברייט-אויטאנאמישע" באפעלן – ווי איך רוף באפעלן וועלכע גייען ארויס פון דעם מאמינ'ס פערזענליכע אויטאנאמישע גבולים. פונקט ווי עס איז ביי מיר קלאר אז א געטליכע רעליגיע קען נישט באפעלן נישט צו גלייבן אין גאט, וויבאלד דאס איז אן אקסימאראן, אזוי איז ביי מיר אויך קלאר אז א געטליכע רעליגיע מוז פארשטיין צו איר אייגענער נאטור, און קען נישט באפעלן א גלויביגן ארויסצוגיין פון די אויטאנאמיע וואס זי שאפט, נעמליך, בלויז אין דעם מאמין זעלבסט. איך וואלט געזאגט אז א רעליגיע וואס קען באפעלן אזא זאך קען תיכף אפגע'פסק'נט ווערן אלץ אן אומגעטליכע.

דעריבער, ווען איך וויל אויספארשן די אידישע באציאונג צו עמלק, פאנג איך גלייך אן מיט דער הנחה אז עס איז

נישט מעגליך אז אויב די אידישע רעליגיע זאל זיין א געטליכע זאל זי הייסן טון צו אנדערע מענטשן א זאך וואס קען נאר זיין בארעכטיגט דורך די רעליגיע פון די וואס טוען דאס, און נישט דורך די איבערצייגונגען פון די פאר וועמען עס ווערט געטון. באטראכטנדיג די אידישע רעליגיע זעט מען גאנץ קלאר אז לויט דעם וועג ווי זי שטייט היינט האט זי נישט קיין שום ברייט-אויטאנאמישע באפעלן; חיובים וועלכע זענען נוגע אנדערע, און קענען זיין בארעכטיגט בלויז דורך דער אידישער רעליגיע. אפילו די פראבלעם מיט דער מצוה פון ערמארדן עמלק, דעם איסור פון צוריקגעבן אן "אבידת גוי" און דאס גלייכן, איז אויך נישט נוגע היינט, וויבאלד לויט ווי די הלכה שטייט יעצט קען מען זיך באציען צום גוי פונקט ווי צום איד. מיר מעגן אפילו מחלל שבת זיין צו ראטעווען א גוי. עס דארף אונז דערווייל נישט אנגיין אז די סיבה פארוואס אט די ברייט-אויטאנאמישע באפעלן זענען מער נישט רעלאוואנט איז בלויז א טעכנישע (עמלק צוליב "עלה סנחרב ובלבל את כל העולם", אבידת און הצלת גוי צוליב "איבה" און "קידוש השם"); מיר ווילן דערווייל וויסן צי די יעצטיגע פארמאט פון דער אידישער רעליגיע קען זיין א געטליכע, אפילו לויט דער תנאי אז זי זאל נישט פארמאגן קיין ברייט-אויטאנאמישע באפעלן. דער תירוץ אויף דעם איז יא.

## א העכערע מדריגה

אבער איידער איך גיי צו דעם אמאל, צו דער צייט ווען די פריערדערמאנטע אידישע ברייט-אויטאנאמישע באפעלן זענען נאך געווען גילטיג, וואלט איך געוואלט זיך א רגע אפשטעלן אויף מיין פריערדיגער הנחה. צי איז דאס טאקע אמת אז פערזענליכע איבערצייגונגען קען נישט אין קיין שום פאל בארעכטיגן ברייט-אויטאנאמישע באשלוסן? דאס זענען מיר שוין מסכים אז ווען די אמונה איז בלויז קרוב לוודאי קענען מיר נישט ארויסגיין פון די פערזענליכע גבולים; מיר זענען אויך מסכים אז אפילו אויב עפעס איז הונדערט פראצענט לאגיש איבערצייגט גיט דאס נאך אלץ נישט קיין היתר ארויסצוגיין פון דער אויטאנאמיע וואס דאס שאפט. אבער איז אפשר פאראן נאך א שטאפל – א מדריגה וואס איז נאך העכער פון הונדערט פראצענטיגער פערזענליכער איבערצייגונג?

וואס וואלט געווען ווען גאט אליין זאל זיך אנטפלעקן און זאל ארויסגעבן א ברייט-אויטאנאמישן באפעל? אויב מיר זאלן זוכה זיין צו א געטליכער אנטפלעקונג וואו מיר זעען אן קיין ספק ווי גאט זאגט אונז אליין אז מיר זאלן – צום ביישפיל – דיסקרימינירן קעגן כינעזער, אדער מיר זאלן נישט צוריקגעבן קיין אבידות פאר שווארצע, וואלטן מיר געמעגט דאס פאלגן טראצדעם וואס די שווארצע אדער כינעזער האבן נישט אליין געהערט גאט דאס באפעלן, און טיילן נישט דעריבער מיט אונז די זעלבע איבערצייגונגען?

אין פאל אזא זאך איז שייך, און אין פאל אז אויף אן אופן קען זיין קלאר אן קיין ספק אז גאט האט זיך טאקע באוויזן, קלער איך אז דעמאלט פאלן אוועק די אלע רעזערוואציעס וועלכע איך האב געהאט פאר ברייט-אויטאנאמישע חיובים. איך מיין אז אין אזא פאל איז אביעקטיוו איבערצייגט, נאך פיל העכער פון לאגיק, אז דאס איז די ריכטיגע זאך צו טון, און מ'דארף זיך נישט רעכנען מיט דעם פאקט אז די וועלכע וועלן ליידן צוליב דעם ברייט-אויטאנאמישן חיוב זענען נישט איבערצייגט אין דאס וואס מיר זענען איבערצייגט.

איך נעם אן אז אן ארטאדאקסיש-אידישער מאמין מוז גלייבן אז עס איז געווען אמאל אין היסטאריע א פונקט ווען גאט האט זיך אויף אן אופן באוויזן פאר אידן. כאטש די דאזיגע אמונה קען נישט, ווי פריערדערמאנט, בארעכטיגן ברייט-אויטאנאמישע חיובים וועלכע זאלן היינט אויסגעפירט ווערן (און נישט נאר ס'בארעכטיגט נישט, נאר די רעליגיע אליין דארף באווייזן אויף אן אופן אוועקצונעמען די דאזיגע חיובים פון די וואס האבן נישט זוכה געווען צו דער דירעקטער התגלות כדי מ'זאל זי קענען באטראכטן ווי געטליך), קען עס אבער בארואיגן דעם מאמין אין ערקלערן דעם אמאל, וויאזוי ברייט-אויטאנאמישע חיובים האבן געקענט דעמאלט זיין בארעכטיגט.

*

די פראגע וואס ווערט אפט געשטעלט גייט אזוי: מיט וואס זענען פרומע אידן אנדערש ווי דעם "טאליבאן"? די טאליבאן גלייבט אין ערמארדן אומשולדיגע מענער פרויען און קינדער, און אידן גלייבן אויך אין אזא באפעל: "תמחה את זכר עמלק מתחת השמים." לויט ווי איך האב ערקלערט ביז אהער איז דער תירוץ אויף דעם אזוי: קיינער האט היינט נישט געהאט קיין געטליכע התגליות, יעדנ'ס אמונה איז באזירט אויף געפיל און איבערצייגונג. בעת יעדער איז בארעכטיגט צו גלייבן אז אין אן אמאליגער תקופה ווען גאט פלעגט זיך באווייזן איז געווען גילטיג א ברייט-אויטאנאמישער חיוב, האט מען אבער נישט קיין רעכט צו גלייבן אין – און אויספירן – א ברייט-אויטאנאמישן חיוב וואס איז נוגע היינטיגע טעג, אן קיין געטליכן התגלות. אידן פארמאגן נישט היינט קיין ברייט-אויטאנאמישע באפעלן וועלכע זיי מוזן מקיים זיין; ווידעראום היינטצייטיגע מערדער אין נאמען פון גאט טרעטן יא ארויס פון זייער אויטאנאמיע ווען זיין באגייען זייערע פארברעכנס.❖

**פאראדיע** / שוין גארנישט קיין געלעכטער:

פון: ח.מ. קורמאן

# איבער טויזנט בעלי-בתים ביי היסטארישער אסיפה איבער די שרעקליכע נסיונות פון צדיקי דורינו שליט"א

## רעזאלוציע פאדערט אויף רבנים, אדמו"רים און ראשי ישיבה צו היטן תורה ומצוות, מאכן שלום מיט זייערע קרובים, שליסן זייערע אלוועלטליכע אומאפהענגיקע צייטונגען און מאגאזינען, זיך אומקוקן אויף צאן מרעיתם, און נישט לעבן אין לוקסוס און פלאָנץ ❖ פרישער "עין רואה" פראגראם וועט אינסטאלירט ווערן אין חדרי המיוחד ❖ פראגע-בויגן וועט בקרוב ארויסגעשיקט ווערן צו קרוב צו טויזנט צדיקים שליט"א

דער היינטיגער טאג וועט אן קיין צווייפל פארשריבן ווערן מיט גאלדענע אותיות אין דער היסטאריע פון דעם יהדות החרדית אין אמעריקע נאכדעם וואס עס איז פארגעקומען א היסטארישע אסיפה אין א פראכטפולן האטעל אין ניו-דזשוירסי, וואו בעלי-בתים פון אלע שיכטן און קרייזן האבן זיך פארזאמלט מיט א זעלטענעם אחדות מטכס עצה צו זיין וויאזוי צו ראטעווען דעם דור פון דעם שוידערליכן איינפלוס פון עקירת תורה ומצוות וואס געשעט ליידער אלץ א רעזולטאט פון מחלוקת און עגאאיזם ביי די גדולי צדיקי ומאורי דורינו, רבנים, ראשי ישיבה ואדמו"רים מפורסמים שליט"א.

די דאזיגע כנסיה לשם שמים איז פאררופן געווארן אין ליכט פון דעם ביטערן מצב אין וועלכן מיר געפינען זיך, ווען צדיקי דורינו שליט"א ווערן ליידער בעוה"ר נכשל מיט די ארגסטע עבירות פון בין אדם למקום און בין אדם לחבירו, טרעטן אויף דער תורה הק' בזדון ובשגגה, און שטיצן דירעקט און אומדירעקט הירוס הדת אויף א שרעקליכן אופן. טראצדעם וואס אין דער פארגאנגענהייט האבן פארשידענע בעלי-בתים פרובירט מעורר צו זיין די צדיקי דורינו איבער די שוידערליכע מכשולות אין וועלכע זיי ווערן ליידער פארכאפט, איז אבער ליידער דער יצר-הרע גאר שטארק אין אונזער תקופה, און די אלע אויפפאדערונגען האבן ליידער נישט עושה רושם געווען.

די אסיפה איז דעריבער א דירעקטער רעזולטאט פון דער שרעקליכער עצת היצר וואס קעניגט איבער די אדמו"רים וצדיקים מפורסמים שליט"א, און עס האט זיך דעריבער אויסגעפעלט אז בעלי-בתים חשובים זאלן זיך צוזאמענעמען און אויסשמועסן וויאזוי צו ראטעווען דעם מצב, און צונויפשמועסן מיט אן ערנסטקייט וויאזוי מ'קען העלפן די ראשי ומנהיגי העדה צו היטן כאטש דעם מינימום פון תורה ומצוות, און זיי פרובירן צוריקצופירן על דרך התורה. צו דער אסיפה זענען געלאדנט געווארן אלע גדולי הבעלי-בתים פון גרעיטער ניו יארק, אזוי אויך הונדערטער קינדער און אייניקלעך פון בעלי-בתים חשובים.

ביי דער אסיפה האט זיך באשיינפערליך דערקענט די ערנסטקייט אויף יעדנ'ס פנים. זיצנדיג אויף שורות שורות פון בענקלעך, אן קיין אונטערשיד צווישן די וואס האבן מער געלט און די וואס האבן ווייניגער, צו פארמיידן קנאה און שנאה, האט מען קלאר געקענט אראפלייענען דעם טיפן ווייטאג פון אלעמענ'ס געזיכט. אין זאַל זענען זיך צוזאמענגעקומען איבער טויזנט בעלי-בתים, אלע פון זיי דערשלאגן און דערשיטערט. זיי וויינען אויף דעם ביטערן מצב אין וועלכן דאס יהדות החרדית שטייט; דער פאקט אז טויזנטער יונגעלייט דרייען זיך ארום פוסט און ליידיג, צעשאסן און צעקלאפט — אן קיין פרנסה, אן קיין מנהיגים, אן קיין תורה, אן קיין חכמה, און אן קיין אידישקייט. עס איז אונטערגעוואקסן א דור וועלכער איז ערצויגן געווארן בלויז אין יארן פון הירוס און שפיכת דמים, יארן אין וועלכע עס האבן ארויסגעשפראצט צדיקי דורינו וועלכע דינען די קעניגרייך פון היפאקריטסווע. צדיקים וועלכע לעבן אויפ'ן חשבון פון קהל — פארמאגן אייגענע בנינים, קאנטריס, פארדינען געלט דורך שינדן די הויט פון טענענטס וועלכע וואוינען אין דירות אויפ'ן נאמען פון דער "קאנגרעגעישאן". צדיקים און עיני העדה וועלכע זענען אין א געיעג ווער עס קען אויסטרעפן נאך א חומרא, צו ווייזן פאר קאלעגע רבנים ווער עס איז פרימער, ערליכער, א גרעסערער צדיק; צדיקים וועלכע האבן נישט קיין שום פראבלעם אונטערצושרייבן איסורים, חרמים און קללות אויף פריוואטע מענטשן, אבער פילן אן דאס פיסק מיט וואסער ווען קאלעגע צדיקים בארויבן איינער דעם צווייטן, פייניגן אייגענע עלטערן און קינדער, שענדן בתי-מדרשים, זענען מבזה נפטרים, מסר'ן אין געריכט, זענען מסרב לדין, שרייבן אונטער לעכערליכע איסורים בלויז ווייל ס'וועט ווי טון דעם אנדערן צד, זייען אן צעשטערונג אין דער אייגענער משפחה און אין פרעמדע משפחות.

זיי שווייגן ווען קאלעגע דיינים שרייבן אז אן עירוב וועלכער איז באנוצט געווארן דורך טויזנטער אידן פילע יארן איז געמאכט געווארן פאר גוים, זיי רופן זיך נישט אן ווען רבנים הייסן קינדער נישט עסן מצות ביי זייערע עלטערן אויב זיי באנוצן זיך מיט'ן אנדערנ'ס צד מצות, מען הערט נישט פון זיי ווען ראשי ישיבות ווארפן זיך מיט בחורים, בויען ישיבות פאר זייערע אייגענע עגאאיסטישע צרכים, און מאכן קאליע אידישע נשמות פאר דורי דורות.

אז א קעגנערישער צד רירט א מציבה, אז א פריוואטער איד פאר'מסר'ט א צווייטן פון וועמען ער האט פיל געליטן, אז א סעלפאן געשעפט פארקויפט אזויגערופענע "נישט כשר'ע" סעלפאנס, איז דאס גענוג צו פארדאמען, פארשרייען, רודפ'ן און חתמ'ענען קול-קורא'ס — אבער ווען קאלעגע רבנים אונטערדרוקן מיט טעראר יעדע מחשבה-זרה פון זייערע חסידים, ווען זיי העצן קעגן אנדערע ביז שפיכת דמים ממש, ווען זיי באלעסטיגן מענטשן מיט גזירות משונות — מענטשן וועלכע זענען ארעם ווי דער נאכט א דאנק די פאליסיס פון די צדיקים שליט"א, אין דער צייט וואס גדולי ומאורי הדור זיצן אויף הויך-שטאקיגע פאטעלן כראוי וכיאות לכבוד הצדיקים, ולכבוד בית אבא — דאס אלעס איז נישט גענוג ארויסצוברענגען די צדיקי הדור שליט"א פון זייערע גלייזן.

אויב א זינגער מאכט א ניגון וואו ער ברענגט ארויס מיט צער און ווייטאג דער שרעקליכער פראבלעם פון ישיבות, איז דאס גענוג אויפצובערענגען דעם כעס פון צדיקי דורינו — אבער דער פראבלעם זעלבסט מצד קאלעגע צדיקים וראשי ישיבות שליט״א? דאס איז נישט וויכטיג צו פארדאמען. אויב א צווייטער זינגער מאכט א קאנצערט כדי אויפצולעבן פוסטע און ליידיגע שארבנס וועלכע לעכצן מיט עפעס אנצופילן דאס הארץ און נשמה, איז דאס עפעס וואס איז וויכטיג ארויסצונעמען פופציג צדיקי דורינו פון די גלייזן — אבער דאס אז קאלעגע צדיקים טוען נישט דאס מינדעסטע אויף אויפצולעבן עצמות יבשות? דאס איז נישט קיין אישו. אז א צערודערטער יחיד בקצה המחנה גייט ארויס פון די געוועהנליכע גבולים כדי צו שטורעמען איבער דער שרעקליכער פראבלעם פון פעדאפיליע ביים היימישן עולם, איז עס א זאך אויף וועלכע צענדליגער רבנים פארלירן שלאף און נעמען זיך צוזאם צו פארדאמען מיט די שארפסטע לשונות — אבער פעדאפיליע זעלבסט? די שענדליכע אקטן פון קאלעגע צדיקים ועיני העדה צו פארדעקן די דאזיגע שמוציגע מעשים? דאס איז נישט וויכטיג צו פארשרייען.

אז א יונגערמאן איז עובר אויף דער הלכה און רעדט מיט׳ן חבר אינמיטן קריאת התורה, איז דאס גענוג אז צדיקי דורינו זאלן אים פארשרייען און פארשעמען ברבים — אבער ווען קאלעגע צדיקים טרעטן אויף אפענע הלכות אין שולחן ערוך און שינדן די הויט פון פשוטי-עם בשעת׳ן אפרעכטן זייער עיות הדין מיט לאנג-אויסגעצויגענע דין-תורה׳ס, פילט מען אן דעם מויל מיט היימיש-געמאכטע מאראנצן-זאפט.

אז א איד האט א חוב פון שכר-לימוד אדער אפילו מקוה-געלט, וועלן די מוסדות תחת דגלם פון גדולי צדיקי דורינו שליט״א דערגיין די יארן, רודפ׳ן און צאפן דאס בלוט — אבער אז קאלעגע צדיקים פארשפרעכן ישועות און רפואות, און רויבן אויס צעבראכענע מענטשן אויפ׳ן סמך פון זייערע הימלישע כוחות, דאן דארף מען קיין ווארט נישט זאגן.

אז א פריוואטער יונגערמאן ארבעט שווער צוזאמענצושטעלן א טעלעפאן-ליניע וואס זאל זיין גענצליך אויסגעהאלטן, ריין פון יעדן נדנוד קל פון לשון הרע ושפיכות דמים, און דערביי האלט ער צוריק טויזנטער אידן פון פאשען און פרעמדע פעלדער, יאוועט זיך גענוג צדיקים ומאורי ישראל שליט״א וועלכע האלטן דרשות, דרוקן פאמפלעטן, און טוען פארשידענע לשם-שמים׳דיגע פעולות קעגן אים — אבער אז קאלעגע צדיקים דרוקן יעדע וואך דיקע, 200-בלעטערדיגע צייטונגען אנגעפילט מיט מחלוקת, לשון הרע, דברי-תורה פון אבסורדאלסטן סארט, שפיכת דמים, טפשות, און רשעות, דאס איז א זאך אויף וועלכער מ׳דארף זיך נישט זארגן.

אז א פריוואטער מענטש פארמאגט א וועבסייט וואו ער פובליצירט נייעס, און וויבאלד עס איז נישט אונטער דער קאנטראל פון די צדיקים ועיני העדה קען ער צומאל קריטיקירן חשוב׳ע עסקנים, וועלכע ארבעטן בשליחות הצדיקים, אויף זייער איינזייטיגקייט און קארופציע, איז דאס פונקט גענוג אז גדולי וצדיקי הדור זאלן אים אסר׳ן מיט די שארפסטע לשונות — אבער די קארופטירטע ״עסקנים״ זעלבסט? די זעלבסטגעקרוינטע אפטרופוסים וועלכע דרייען זיך ביי די צדיקים אינדערהיים און באַגזל׳ען פונעם ציבור מולטי-מיליאן-דאלארדיגע שטאטישע פראגראמען? די וועלכע מאניפולירן אומוויסנדע רבנים מיט זייערע אייגננוציגע אינטערעסן? זייערע מעשים איז נישט וויכטיג צו פארדאמען.

ווען עמך-אידן באנוצן זיך מיט דוחק׳דיגע קולות ביי עניני צניעות, כשרות, וכדומה, שרייען צדיקי דורינו מנהמת לבם על גודל העוון — אבער ווען קאלעגע גדולי ומאורי ישראל שליט״א באנוצן זיך מיט די צווייפלהאפטיגסטע התירים ביי עניני בין אדם לחבירו, רבנות, דין תורה, ממונות, דינא דמלכותא, אונאה, איז אין פוצה פה ומצפצף. און ווען די זעלבע קאלעגע צדיקי הדור פסק׳ענען הלכה לויט פארטיי-ליניעס (עירוב, סידור קידושין, מצות, ווערים, וכדומה), נוצנדיג די תורה הק׳ אלץ א קורדום יענעם דערמיט צו באגראבן, הערט זיך ווידער א דונערדיגע שטילשווייגעניש.

די זעלבע גדולי ומאורי הדור, צדיקים ועיני העדה שליט״א, וועלכע זענען אזוי פארנומען ביז איבערן קאפ מיט עניני הכלל אז זיי האבן נישט קיין צייט מחזק צו זיין לבבות נשברות און זיך פאראינטערעסירן בשלום צאן מרעיתם, געפינען צייט זיך צו האלזן מיט פאטאגראפיסטן פון די בילדער-קונטרסים און זיך באטייליגן אין זייערע שמחות. די זעלבע צדיקי הדור וועלכע זענען נאר פארנומען מיט׳ן איינפירן פרישע עקסטרעמע תקנות אין זייערע מוסדות, און קלויבן זיך וועלכע נוירסערי קינדער אנצונעמען אין זייערע מוסדות, האבן נישט קיין צייט זיך צו זארגן אז פשוטי-עם זאלן האבן פרנסה, אז יונגעלייט זאלן נישט חתונה האבן במחשבה תחילה צו לעבן א לעבן פון גניבה וגזילה אן קיין האפנונג און אן קיין וועג וויאזוי צו קענען חתונה מאכן די קינדער און וויאזוי צו קענען עווענטועל רעטייערן בדרך כבוד.

די זעלבע לעכטיגע צדיקים שליט״א וועלכע גייען באזוכן פעדאפילן אין זייערע תפיסות, פירן קאמפיינס צו באפרייען קרימינאלן פון ערגסטן סארט, נעמען אויף און מאכן מסיבות לכבוד דראג-האנדלער — זיי זיצן אין זייערע ישיבות און דערדרוקן זייערע בחורי חמד; געבן זיי נאר אן אפציע מצליח צו זיין אין לימוד גמרא, געבן נישט קיין אוזן קשבת פאר׳ן יוגנטליכן מיט זיינע פראבלעמען. די צענערלינג-יארן וועלכע זענען אין דער גאנצער וועלט באוואוסט אלץ א גאר שווערע תקופה פון לעבן, א צייט ווען דער מענטש טוישט זיך פיזיש און גייסטיש, איז דורך צדיקי דורינו שליט״א דעגראדירט געווארן צו אן איינפאכן מהלך אין חינוך: ווי מער דרוק, ווי מער אנפילן דעם טאג מיט גארנישט-מיינענדע אקטיוויטעטן, און מיט צוואנג דערדרוקן דעם בחור וועלכער איז אונטער׳ן איינפלוס פון די נאטירליכע הארמאנען אבער אן קיין שום הדרכה און אן קיין געטרייען מענטש וועלכער פארשטייט צו זיין הארץ.

די זעלבע צדיקי הדור שליט״א וועלכע געבן אוועק פון זייער טייערער צייט אונטערצושרייבן אויפפאדערונגען אז אידישע פרויען זאלן נישט גיין אין אפיסעס, ר״ל (נאך דארפן ארבעטן אין די מוסדות פון די מאורי ישראל שליט״א פאר אן אפצאל פון $250 א וואך), און אז מ׳זאל חלילה נישט האבן קיין סעלפאן מיט א קאלירטן סקרין, ווערן נכשל אין איגנארירן די וויי-געשריי פון טויזנטער יונגעלייט און בעלי-בתים וועלכע וויינען זיך אויס די נשמה אז זיי האבן נישט קיין פרוטה אויסצוהאלטן זייער פאמיליע, און האבן נישט קיין וועג ארויס פון דעם פלאנטער. די מוסדות פון גדולי צדיקי דורינו שליט״א לערנען אונזערע טעכטער אז די מענער דארפן זיצן און לערנען, און דערנאך צאלן זיי פאר די יונגעלייט אין די אייגענע כוללים נישטיגע דריי-פיר הונדערט דאלאר א חודש. ווען נאך עטליכע יאר פון דער חתונה כאפט מען זיך ביים קאפ אז מ׳דארף האבן פרנסה, טרעפט מען זיך פארלוירן, אן קיין שום פאך אין דער האנט, און מיט א שטוב פון פינף אדער מער קינדער.

די זעלבע גדולי ומאורי ישראל שליט״א וועלכע דערדרוקן יעדע סארט אינטעליגענץ ביים ציבור, וועלכע פארדאמען דאס פרעגן פראגעס, וועלכע דערשטיקן דעם מח נישט צו דערלאזן אביסל לאגישער טראכט וועלכער קען שענקען צופרידנהייט אין לעבן, זיי פארלאנגען הכרה אין זייער הנהגה, זיי ווילן אז מ׳זאל ״גלייבן״ אין זייערע הימלישע כוחות – צי עס איז מגודל קדושתם, צי א ירושה פון דעם טאטן און זיידן, זכותם יגן עלינו.

די זעלבע צדיקים ואדמו״רים מפורסמים שליט״א וועלכע נוצן דעם חתם-סופר׳ס ווערטל ״חדש אסור מן התורה״ צו פארדאמען יעדן נייעם געדאנק וואס קען פארבעסערן דאס לעבן פאר׳ן המון-עם, האבן אבער געטראפן טוצן מיט התירים ביי זיך אליין צו טוישן אלעמען וואס שייך די אמאליגע הנהגות פון גדולי ישראל ז״ל, אלעס כדי צו ערמעגליכן צדיקי דורינו שליט״א געניסן פון ענדלאזן געלט, כבוד און רום, ווי עס פאסט לכבוד התורה ולומדיה. צדיקי ומאורי הדור שליט״א האב אנגענומען די הייליגע עבודה פון קדוש ישראל מרוזין זי״ע, און האבן אנגעהויבן משיג זיין די געהויבענע כוונות וועלכע זענען מרומז אין יעדן שטיקל לוקסוס, און האבן בגודל קדושתם אנגעהויבן תולה זיין תילי תילים רמזים בדרך סוד אויף פרעכטיגע פאלאצן אויסשטאפירט מיט קעניגליכע מעבל, עלעוועיטארס, טעראסאס, חור כרפס ותכלת, כלי כסף וזהב, מאיעסטעטישע כסא מלוכות וואו צו באזעצן דעם אויסגעפאשעטן אחוריים, לוקסוריעזע אויסגעפיצטע קארס באצירט מיט כלערליי בליצערלעך, באגלייט מיט די הייליגע כוונות פון טייערע וואקאציעס פארנדיג ערשטער קלאס אין עראפלאן ארומגענומען מיט משמשים בקודש כשתולי זיתים סביב. דאס אלעס כדרכם בקודש, מיט אן ענוות חן און עצילות דקדושה.

די אלע הייליגע כוונות זענען אבער כטיפה מן הים פון די ש״י עולמות וועלכע ווערן צעשטורמט ווערן צדיקי דורינו שליט״א מאכן א שמחה, וואס דאן קומען דאך אראפ מאסן זיידעס פון הימל, די אמאליגע צדיקי הדור צונויפגעמישט מיט די זיידעס האלץ-האקער און שוסטער. אין אזא צייט איז ממש נישט שייך זיך פארצושטעלן די שמות וואס די צדיקים זענען לצד עלאי ממלל אויף יעדן ״באלב״ באזונדער וואס באשיינט די הייליגע שמחה אויף גאסן גאסן ארום. די קדושה און התעוררות וואס מ׳זעט ביי די שמחות איז אין טייל צו פארדאנקען די הייליגע כוונות פון די צדיקי הדור, און די הונדערטער טויזנטער דאלארן וועלכע ווערן אויסגעגעבן לעשות נחת רוח פאר די צדיקים שליט״א.

צדיקי דורינו האבן אויך זוכה געווען צו נייע השראות, און האבן אנטדעקט פרישע כוונות אין דעם ״והיה עיניך רואות את מוריך״ מיט׳ן אוועקשענקען צורת קדשם לכל מאן דבעיא זיך מתחמם צו זיין באורם הבהיר אין די בלעטער פון חשוב׳ע קונטרסים וועלכע ערשיינען מדי שבת בשבתו למען כבודם יתברך. כדי צו ערמעגליכן א גרעסערן התעוררות, האבן א גרויס טייל פון צדיקי דורינו שליט״א זאגאר געטוישט די אויסשטעלן פון די טישן ביי מאורעות שונות, אז די וואס שעפן זיך אן רענצלעך חיזוק והתעוררות פון די הייליגע צורות זאלן אויך זען ווי מער באטייליגטע פון חסידים ואנשי מעשה, און אזוי מקדש זיין דעם שם שמים אז לא אלמן ישראל, און להגדיל תורה ולהאדירה.

ביי די איבער טויזנט בעלי-בתים וועלכע האבן זיך פארזאמלט צו דער היסטארישער אסיפה זענען אט די אלע שרעקליכע פראבלעמען געלעגן אויף דער מחשבה, און דער ציל איז געווען מטכס עצה צו זיין וויאזוי צו קענען העלפן די צדיקי הדור זיך ספראווען מיט זייערע שרעקליכע נסיונות. דער יושב-ראש האט אנגעהויבן די אסיפה אויסשמועסנדיג די אויבנדערמאנטע פונקטן, און האט מיט ווייטאג איבערגעגעבן ווי מ׳האט שוין צענדליגער מאל פרובירט מעורר צו זיין די צדיקי הדור שליט״א אויף זייערע שענדליכע פירונגען וועלכע מאכן ליידער קאליע דעם יוגנט – אבער ליידער אן ערפאלג. ער האט דערמאנט אז דער מהלך פון ביז היינט וואס טאטע׳ס זאגן אן די קינדער אז זיי זאלן זיך חלילה נישט אפלערנען פון די צדיקי הדור שליט״א איז נישט גענוג, וויבאלד די צדיקים זענען ברוב קדושתם משפיע אז די פרעסע זאל כסדר רעדן פון זיי, און זייער שעדליכע השפעה קען ח״ו ארייַנדרונגען אין די הערצער פון די קינדערלעך.

דער יושב-ראש האט דערנאך קלאר געמאכט אז פארלאנגען פון די צדיקים ואדמו״רים מפורסמים שליט״א אז זיי זאלן אויפגעבן זייערע קעניגרייכן, זיך אראפלאזן צו די געברויכן פון פשוט׳ן פאלק, אויפהערן אזויפיל צו פירן מחלוקת לשם-שמים כדי לרומם ולהדר את שמם הגדול, און אנערקענען אז זייער טיראניע איז שוין לאנג דורכגעפאלן, וועט נישט ארבעטן. ער האט דערקלערט אז מ׳מוז שלום מאכן מיט׳ן מצב אז די צדיקים זענען דא צו בלייבן, און זיי וועלן נישט רעזיגנירן פון זייערע זעלבסטגעקרוינטע אמטן. עס איז בלי ספק אן אייגנארטיגער נסיון וואס כמוהו לא נהייתה. דער נסיון איז נישט א געוויסע זאך וואס מען קען איינפאך זיך מתגבר זיין דערויף, עס איז נישט קיין נסיון וואס מען קען אויסמיידן, עס איז נישט עפעס וואס מיר קענען אנטלויפן. עס איז א פאקט, און מיר מוזן וויסן וויאזוי צו לעבן דערמיט. דאס זעלבע איז קלאר אז די מאורי ישראל זעלבסט אנערקענען אז זיי מוזן שלום מאכן מיט׳ן מצב אז מ׳קען נישט אויפגעבן דעם דראנג נאך כבוד און געלט – דאס איז א זאך וואס זיי מוזן לעבן דערמיט, נאר מוזן טרעפן א וועג וויאזוי צו קענען אנהאלטן מיט זייער טראציגן לעבנסשטייגער אבער דאך מינימיזירן די שרעקליכע נסיונות.

״לאמיר זיך אביסל באטראכטן,״ האט דער יושב-ראש געזאגט. ״ווי קען זיין אז צדיקי הדור שליט״א פארנאכלעסיגן זייערע אייגענע משפחות, זייערע אייגענע מתפללים און אנהענגער, פאר תאוות הכבוד והשררה? ווי איז דאס אז טראצדעם וואס זיי האבן נישט קיין צייט צוצושטעלן זאכליכע קאנסטרוקטיווע שינויים וועלכע זאלן זיין צוגעפאסט צו די פראבלעמען פון היינטיגן דור, האבן זיי אבער די צייט און ענערגיע אנצופירן שווערע קאמפן קעגן פריוואטע מענטשן, משפחה-מיטגלידער און קאנקורירנדע צדיקים?״ ער האט מסביר געווען אז אין יעדן מענטש איז פאראן ״א קליין קינד״, קינדישע אייגנשאפטן, נייגעריגקייט און התפעלות פאר אויבנאן און גאלדענע בעקישעס. בעלי-בתים וואקסן געוועגליך אויס די דאזיגע נארישע תאוות, אבער צדיקי ומאורי הדור פאלן כורעים פאר די פיטשעווקעס פון א נייעם קאר, און זענען מלא שמחה צו אנהייבן נוצן א נייעם דעזיין פאר א בעקישע, א נייער סארט האר פאר׳ן טילעפ, אדער א שפאגל נייעם זיידענעם אור המקיף.

דער חשוב׳ער יושב-ראש האט אויסגעפירט דערמאנענדיג אז טראצדעם וואס מיר וואלטן זייער געוואלט אז מ׳זאל שוין האלטן נאנט צו ביאת המשיח, זענען מיר אבער מעגליך ליידער נאך נישט נאנט דערצו, וויבאלד צדיקים הקודמים האבן מעיד געווען אז בעקבתא דמשיחא וועלן רוב צדיקים ומאורי ישראל זיין רשעים און פון די ערב-רב. און מיר זעען דאך מיט די

אייגענע אויגן אז די היינטיגע צדיקים וגדולי הדור שליט״א זענען ב״ה מלא וגדוש מיט תורה ויר״ש, גאונים אדירים, אנטלויפן פון כבוד און געלט ווי פון פייער, קומען אויף טאג טעגליך מיט פרישע הידורים און מאכן גאר א קנאת סופרים ווי איינער איז פרימער פונעם צווייטן, און פירן בלויז מחלוקת לשם-שמים למען כבוד שמו יתברך. ער האט דעריבער אויסגעפירט אז מ׳האפט אז משיח וועט קומען אין גיכן טראצדעם וואס דער דאזיגער סימן שטימט נישט, און האפנטליך וועט שוין תשבי מתרץ זיין די אלע פראגעס.

נאך די פייערדיגע ווערטער פון דעם יושב-ראש שליט״א האבן אויפגעטרעטן א רייע בעלי-דרשנים, טייל פון זיי אזעלכע וועלכע זענען קרובים אל החלל, און זעען פון דער נאנט ווי דער יצר הרע טוט ליידער באזיגן די צדיקי הדור שליט״א.

עס האט אויפגעטרעטן א חשוב׳ער בעל-הבית, א מנהל אין די מוסדות התורה, און האט מסביר געווען אז די מנהלי המוסדות, וויבאלד זיי פארמאגן דאך דעם קאנטראל אויף די צאן-קדשים, האבן זיי א וועג וויאזוי מתקן צו זיין די שרעקליכע פראבלעמען וועלכע פלאגן אונז. צום ביישפיל, אין די מוסדות לערנען דאך קינדער און אייניקלעך פון גדולי אדמו״רי דורינו שליט״א, איז דאך פשוט אז מ׳דארף אויסלערנען אלע מלמדים און תלמידים צו רודפ׳ן אט די קינדער ביז זייערע עלטערן און זיידעס וועלן אויפהערן מיט זייערע שענדליכע מעשים. דער מנהל האט דאס ארויסגעברענגט מיט א סיפור ביי פון א פריערדיגן גדול זצ״ל, וועלכער האט באפוילן אז א קינד וועלכער זעט ווי זיין טאטע פארמאגט א טעלעוויזיע מעג ער גיין און עס צעברעכן. זעט מען פון דעם אז מחנכים האבן רעכט צו טון שריט וועלכע וועלן ברענגען צו דעם אז די קינדער זאלן פארשטיין אז זייערע עלטערן און אור-עלטערן באגייען שוידערליכע עבירות.

דער מנהל האט אויך פארגעשלאגן אז מ׳זאל ארויסשיקן צו אלע צדיקי הדור שליט״א א פראגע-בויגן וואו זיי זאלן ביז ר״ח חשון הבעל״ט דארפן ענטפערן אויף א רייע פראגעס, צום ביישפיל: אין וועלכן ביהמ״ד דאווענט איר?; אין וועלכע בתי-מדרשים לאזט מען אייך נישט אריין?; וועלכער סארט אינטערנעט פארמאגט איר אין שטוב?; וויפיל מאל א וואך רופט איר די צייטונגען און אינפארמאציע ליניעס ארײנשטעלן נייעס איבער אייך?; ווער איז אייער מורה-דרך?; האט איר א שיעור כאטש איין מאל א וואך?; מיט וועמענ׳ס געלט האבן אייערע קינדער געקויפט הייזער? וכדומה.

עס זענען אוועקגעשטעלט געווארן פארשידענע רעזאלוציעס לויט וועלכע די מאורי ישראל שליט״א וועלן זיך דארפן אונטערנעמען צו פירן כדי צו ראטעווען די צוקונפט פון דעם יהדות החרדית. צווישן אנדערע איז פארגעשלאגן געווארן: 1) די צדיקים שליט״א וועלן אנפאנגען ענטפערן פראגעס איבער זייער הנהגה אן דעם וואס דער פרעגער זאל דארפן האבן א פחד אז דעם צדיק׳ס שטוב-מענטשן וועלן שלא בידיעת הצדיק אים אנרעכטן מלקות ארבעים; 2) וויבאלד די צדיקי הדור לעבן פון ציבור׳ישן געלט וועלן זיי ארויסגעבן זייערע פינאנצן אז דער ציבור זאל קענען זען וואו און וויאזוי דאס געלט ווערט גענוצט; 3) די צדיקים וועלן דארפן מחליט זיין צי ״חדש אסור מן התורה״ איז נאך נוגע היינטיגע טעג: אויב נישט, זאלן זיי ערלויבן פשוטי-עם מאכן שינויים לויט ווי עס פארגרינגערט זיי דאס לעבן, אויב יא, זאלן זיי אויפגעבן זייערע פרעכטיגע פאלאצן, לוקסוריעזע מעבל, טייערע קארס, קעניגליכע כלים, און וואוינען אין פארלאזטע ארעמע כאטקעס פונקט ווי זייערע זיידעס פון די פריערדיגע דורות האבן געוואוינט; 4) די מאורי ישראל וועלן דארפן פארשטיין אז אויב זיי ווילן אז בעלי-בתים זאלן אנערקענען זייערע פאזיציעס אלץ רבנים, אדמו״רים אדער ראשי ישיבה, פארמאגן זיי אן אחריות צוצושטעלן פאר׳ן ציבור די פונקציעס פון אט די פאזיציעס; 5) פאר יעדן חרם, איסור, קול קורא וועלכע ווערן ארויסגעגעבן דורך די צדיקי הדור דארפן זיי זיך מחייב זיין צו טון כאטש איין קאנסטרוקטיווער שריט צו טוישן דעם פארדרייטן מהלך החיים, צום ביישפיל, אויב קומט ארויס אן איסור אז פרויען טארן נישט ארבעטן אין אפיסעס, דארף דאס זיין באגלייט מיט א קוראזשפולן אויפרוף אז יונגעלייט זאלן גיין ארבעטן און אריינברענגען פרנסה אין שטוב, און דאס וועלן אוודאי די צדיקימ׳ס קינדער זיין די ערשטע מקיים צו זיין; 6) גדולי וקדושי הדור שליט״א דארפן תיכף אפשפארן די ערליכע בילדער-העפטן פון צורת קדשם — אדער כאטש געבן אן ערקלערונג פארוואס יעדע ווידעא וואס איז נאר אמאל ארויסגעקומען איז גע׳אסר׳ט געווארן דורך די צדיקים שליט״א, אבער וועגן דער חודש׳ליכער ווידעא וועלכע ווייזט צורת קדשם איז נאכנישט געהערט געווארן קיין פיפס; 7) די מאורי הדור דארף זיך אונטערנעמען צו טרעפן שידוכים פאר זייערע קינדער וואס זענען צוגעפאסט פאר זיי לויט זייער כאראקטער, און נישט לויט מיט וועלכער ראביסטעווע עס שמעקט זיי זיך משדך צו זיין; 8) די רבנים ואדמו״רים מפורסמים שליט״א מוזן זאפארט שלום מאכן מיט זייערע געשוויסטער און נאנטע קרובים (מ׳האפט ביז א יאר-צוויי צו אינפארסירן דעם צווייטן שטאפל און פארלאנגען שלום מאכן אויך מיט קאזינעס און ווייטערע קרובים); 9) צדיקי דורינו שליט״א מוזן תיכף ומיד אפשפארן זייערע צייטונגען, מאגאזינען און אינטערנעט וועבסייטס; 10) די צדיקים מוזן איינמאל פאר אלעמאל קלאר מאכן צי דער שולחן ערוך איז מחייב אן ארטאדאקסישן איד צי נישט: אויב נישט, זאלן זיי נישט פארלאנגען דעם המון-עם אים מקיים צו זיין, אויב יא, מוזן זיי זיך מחייב זיין אז זיי וועלן נאכפאלגן די פסקים פון דעם שולחן ערוך.

עס זענען געמאכט געווארן נאך א רייע רעזאלוציעס, צווישן זיי: די צדיקים וועלן זיך דארפן צושטעלן צו אן ״עין רואה״ פראגראם, דורך א קאמערא וואס וועט בע״ה אינסטאלירט ווערן אין זייער בית נאוה קודש אין דעם חדר המיוחד, זיכער צו מאכן אז אלעס וואס עס טוט זיך אפ דארטן איז עפ״י דרך התורה, אזוי אויך וועלן גדולי הדור זיך דארפן צושטעלן צו א רייע קורסן אויף אידישקייט, וואו מ׳וועט בע״ה ברענגען בעלי-השקפה וועלכע וועלן יורד זיין לחדרי בטן, און וועלן האפנטליך אריינגעבן א געשמאק אין תורה ומצוות. נאך פארשידענע רעזאלוציעס זענען געמאכט געווארן, טייל פון זיי וואס זענען נוגע פאר די צדיקי הדור אין זייער פריוואטן לעבן און זענען דעריבער נישט פאסיג ברבים מפרסם צו זיין, אבער זיי וועלן האפנטליך אנקומען צו די צדיקימ׳ס הערליכע פאסט-קעסטלעך אין די קומענדיגע טעג.

דער ציבור איז זיך צעגאנגען פון דער אסיפה מיט פריידיגע טריט, מיט האפנונג אז די כנסיה לשם שמים וועט האבן די נויטיגע אפעקטן אויפצוטון און מחזיר בתשובה זיין גדולי ומאורי דורינו שליט״א, און ברענגען גרויסע היסטארישע שינויים אין דעם וועג וויאזוי דעם יהדות החרדית ווערט געפירט.

ווי נאר עס איז באקאנט געווארן ביים ציבור איבער דער גרויסער אסיפה האט עס באלד געמאכט א שטארקער רושם, און האט

ארייגגעברענגט א שטארקע אינטערעסע ביי צדיקי ומאורי ישראל שליט״א זיך צוצושטעלן צו די רעזאלוציעס און זיך צו גרייטן זיך צו באטייליגן ביים דעם גרויסן מעמד וואס וועט בע״ה פארקומען, וואו מען וועט אויפפאדערן און מחזק זיין די צדיקי דורינו אונטערצונעמען שריט צו ראטעווען זיך און די דורות מיט קבלות טובות. אין א שריט צוצושטעלן פאר די צדיקים מער אינפארמאציע איבער וואס עס איז פארגעקומען ביי דער אסיפה, האט א באטייליגטער ביי דער אסיפה, פון די גדולי הבעלי-בתים שליט״א, אויפגעטרעטן אויף דער טעלעפאן-ליניע ״קול מבשר״, וואו ער האט געגעבן א שטיקל באריכט איבער די שרעקליכע פראבלעמען, און וואס עס פאדערט זיך אז צדיקי דורינו זאלן זיך מחזק זיין. נאכדעם וואס דער חשוב׳ער בעל-הבית האט ארומגערעדט איבער די קנאה, שנאה, השמצות, מחלוקת, שנאת חינם, גניבה וגזילה, וואס גייט פאר צווישן גדולי ומאורי ישראל שליט״א, האט ער מיט גרויס ווייטאג ארומגערעדט איבער די שרעקליכע צרות וועלכע מען הערט לעצטנס ביי כלל ישראל. ״די שפיטעלער זענען ליידער פול מיט יונגע קינדער, יונגע מאמעס, וועלכע ליידן ביטערע יסורים,״ האט דער חשוב׳ער בעל-הבית געזאגט. ״מען הערט היינט אזעלכע צרות וועלכע זענען נאך קיינמאל נישט געווען, ס׳איז אין יום שאין קללתה מרובה מחברתה. ווער ווייסט, ווער ווייסט, אויב דו, מיט דיין מערכה קעגן אן אנדערן צדיק אז ער האט דעם זעלבן נאמען ווי דיין ראביסטעווע, ביסט גורם אז נאך דריי קינדער זאלן קראנק ווערן, ל״ע. ווער ווייסט צי דו, מיט דיין כסדר׳דיגן שולד-ווארפן אויף פשוטי-עם אן ארייינטראכטן אין דיינע אייגענע רבי׳שע מידות מושחתות, איז חלילה שולדיג אין דעם וואס א יונגע מאמע מוטשעט זיך מיט א ביטערער מחלה.״

דער חשוב׳ער בעל-הבית האט אנגעוויזן מיט ווייטאג אז נאך יעדער טראגעדיע ל״ע הערט מען פון פילע פשוטי-עם, מענער, פרויען און קינדער, וועלכע זענען אויף זיך מקבל דברים טובים. דער נאך א שיעור תורה, א צווייטער שמירת הלשון, א דריטער זיך מער אפגעבן מיט די קינדער, א פערטער מרבה צו זיין שלום, א פינפטער ארויסגיין פון כולל און מקיים זיין די כתובה צו טרעפן א פרנסה, און אזוי ווייטער. ״האט שוין איינער אמאל געהערט,״ האט דער בעל-הבית געפרעגט, ״אז נאך א טראגעדיע זאל איינער פון די צדיקי ומאורי ישראל שליט״א זאגן ׳גענוג איז גענוג! איך וויל שלום מאכן מיט מיין ברודער, פעטער, פלימעניק, זון, אדער טאטע׳? האט שוין איינער געהערט אז איינער פון די גדולי הדור זאל נאך א טראגעדיע זאגן ׳אפשר איז דאס געשען צוליב מיין עיוות הדין – איך נעם מיך פאר צו פירן ערליכע דין תורה׳ס און ארויסגעבן ערליכע פסקים על-פי התורה׳?״ ער האט ווייטער מעורר געווען אז צדיקי הדור דארפן טראכטן פון דעם גרויסן אחריות וואס זיי טראגן, פון דעם חרון-אף וואס זיי קענען חלילה גורם זיין אין הימל מיט זייערע שענדליכע מעשים, ר״ל, און וואספארא שרעקליכע צרות זייערע טאטן האבן שוין געברענגט ביז׳ן היינטיגן טאג.

עס איז צו האפן אז די דאזיגע אחדות׳דיגע אסיפה – וועלכע שפיגלט באמת אפ די מיינונג פון רוב מנין ובנין חרדי׳שע אידן הנאנקים ונחנקים תחת זרועם פון גדולי צדיקי הדור שליט״א, וכת העסקנים, שטוב-מענטשן ואנשי-שם – וועט האבן די נויטיגע תוצאות, און מיר וועלן בקרוב זוכה זיין צו א מאסן החזרה בתשובה וואס וועט אוודאי מקרב זיין ביאת משיח צדקינו בב״א.❖



איינער פון חשוב׳ע באטייליגטע שיקט א רגש׳דיגן ״טוויט״ מיט א קורצן באריכט איבער דער היסטארישער אסיפה

**פאעזיע** / אבסורדן:

פון: אלחנן

*אין דער נאכט פאר תקופת תמוז האב איך שפאצירט ביים ברעג, מיט די פיס ביז׳ן קנעכל פארזינקען אין ליים, און געקוקט דארט אהין, וואו דער אוניווערס שפיגלט זיך אפ אין מים העליונים. און אט וואס כ׳האב געזען:*

צוויי און דריי באטרעפן נול; אנדערע זאגן זיבן.

תמוז-זון צווינגט מענטשן צו די גלעטשערס; ווינטער ציט אלעמען צום ים.

כעלם געקרוינט אלס הויפטשטאט, און די הצלחה שיינט בטלנות דעם וועג.

דער לץ קלאגט אויף זיין עלטער-באבעס לוי׳. מיטליעריגע שקלאפן לאכן זיך ארײן אלץ טיפער אין מרה שחורה.

סינאנים שטעלט זיך להכעיס נעבן איפכא מסתברא, און רש״י פארטייטשט א נישט-געשריבענעם פסוק.

טראגעדיע פארליבט זיך אין דער לאטערי, און דאס גליק בלאנזשעט אין די קארידארן פון מושב זקנים׳ס.

קשיות לויפן אין קרייזן, געטריבן פון תירוצים קיילעכיגע יתומים.

טויבן פירן קאמפיוטער טשיפס אין קאנווערטן, צו ווערן געלייענט דורך א גוסס א קאצנשפרינג אהינצו.

עופה׳לעך טרייסטן צאפלדיגע מאמעס, וואס וויינען נאך נישט-געבוירענע טאטעס.

*דאס אלעס האב איך געזען, שטייענדיג אויפ׳ן ראנד מיט׳ן פנים צום קאסמישן שפיגל.*

״שבת בלעטל״, געווידמעט ליטעראטור און מחשבה, ווערט ארויסגעגעבן דורך א גרופע חסידים. די בלעטער קענען ווערן אראפגעלאדנט אויף: ShabbosBlettel.wordpress.com.
מאמרים ווערן אנגענומען אין אידיש, לשה״ק-עברית, און ענגליש. זיך צו פארבינדן, שרייבט צו: ShabbosBlettel@gmail.com.